The Hebrew Journal דער אידישער The Hebrew Journal

זשורנאל

THE ONLY
JEWISH DAILY
IN ONTARIO.

די איינציגע
אידישע צייטונג
אין אנטעריא.

III. No 701 Toronto, Wednesday, September 29th, 1915 מיטוואך סעפט. דער 29־טער 1915. כ"א תשרי, הושענא רבה תרע"ו. PRICE: 1 CENT

A S Freidus
c/o The New York
Public Library
476 Fifth Ave
NEW YORK CITY

דייטשער קייזער הייסט נעהמען דווינסק ניט שפּעטער ווי די וואך

באראנאוויטשער פארשטאדט אין דייטשע הענט

דייטשען נעהמען 21 טויזענט רוסישע געפאנגענע

פעטראגראד, סעפט. 28.

שווערע שנעע שטורמס האבען גענומען בושעווען צפון פון דער פינלענדער בוכטע און פערשפרייטען זיך שנעל איבער אלע באלטישע פראווינצען. די רוסען האפען אז דער אנקומענדער ווינטער וועט פון די דייטשען צונעהמען דעם אפעטיט פאר א ווייטערען גאנג אין רוסלאנד.

קייזער ווילהעלם האט בעפוילען צום פעלד מארשאל פאן הינדענבורג ער זאל נעהמען דווינסק ניט שפעטער ווי די וואך און דאן געהן אויף ריגא, אום דיעזע צוויי הויפט שטעדט זאלען קענען בענוצט ווערען אלס ווינטער קווארטירען פאר דער דייטשער ארמיי.

געפאנגענע דייטשע אפיצערען אין רוסלאנד דערצעהלען, אז די פירכטליכע אטאקעס וואס די דייטשען האבען געמאכט אויף דער דווינא זענען געווען ספעציעל פעראָרדערט פונ'ם קייזער

פעטראגראדער מיליטער עקספערטען אנאליזירען די יעצטיגע לאגע אויף פאלגענדען אופן:

די זיעגע וואס די פראנצויזען און ענגלענדער האבען די לעצטע צייט געהאט איבער די דייטשען אויפ'ן מערב שלאכטפעלד האט געצוואונגען די דייטשען אריבערצוטראנספערירען פיעלע סאלדאטען פונ'ם מזרח שלאכטפעלד צום מערב. דאס האט פיעל אבגעשוואכט פאן הינדענבורגס ארמיי.

די פלעצער פון די געוועהנליכע דייטשע סאלדאטען זענען פערנומען געווארען פון דעם דייטשען לאנד שטורם. דאס זעהט זיך אן פון דעם ווי די דייטשען שטורמען דווינסק, און עס איז מעהר ווי זיכער, אז די דייטשען וועלען זעהר פיעל פערלירען, איידער זיי וועלען קענען נעהמען דווינסק.

די לעצטע שלאכטען וואס דער רוסישער לינקער פליגעל האט אנגעפיהרט אין וואהלינער גובערניע האבען געבראכט דעם רעזולטאט, אז די רוסען האבען צוריקגענומען פיעלע פלעצער, וועלכע די עסטרייכער האבען פריהער גענומען פון די רוסען, די דייטשען האבען אבער צוגעשיקט הילף צו די עסטרייכער און מיט פעראייניגטע קרעפטען האט זיך זיי איינגעגעבען צו פערנעהמען פיעלע פאזיציאנען אין דעם לוצקער געגענד, און אויך צו אוואנסירען איבער דעם סטרי ריווער אין דער דירעקציאן פון קאלקי, א בעפעסטיגטע שטאדט, וועלכע פערטהיידיגט ראוונא.

שווערע דייטשע און עסטרייכישע ארטילעריע באמבארדירען די שטאדט קאלקי און עס ווייזט אויס, אז די עסטרייך־דייטשע טרופען וועלען אריבער דעם טייך סטרי און אוואנסירען צפון מזרח אויף דער שטאדט ראוונא.

דער הויפט איינדרוק וועלכער הערשט דא צווישען די מיליטערישע קרייזען איז אז דער רוסישער לינקער פליגעל וועט באלד אנפאנגען א סטראטעגישען צוריקטריט.

דאס גרייטען שוין ווייזט אויס די רוסען דעם עולם צו הערען פון א נייער מפלה.

יעצט איז ניט די צייט פאר קריטיק.

לאנדאן, סעפט. 28.

דער ענגלישער פריים מיניסטער אסקוויט האט היינט געמאכט א שארקען אפיעל אין דער האוז אף קאמאנס, אז מען זאל אויפהערען צו דיסקוטירען און פרעגען פראגען בנוגע רעקרוטען פאר נאציאנאלער דיענסט.

,,מיר זענען אין א קריטישען מאמענט, אין דער היסטאריע פון דער מלחמה מיט סימפאטי, האפנונגען קוקען מיר ארויס אויף די זיעגע פון די אלייעס.

איך גלויב אויב עס קען זיין עטוואס ערגערעס פאר אונזער לאנד, איז ווען מען זאל זיך אויף דער וועלט דערוויסען אז ביי אונז עקזיסטירען מיינונגס פערשיעדענהייטען''.

דער פרעמיער האט עס פשוט גערעדט מען זאל אויפהערען צו פרעגען פראגען און דיסקוטירען וועגען קאנסקריפשאן.

דייטשע בעריכטע אז זיי פראגרעסירען אויפ'ן מערב זייט

בערלין, סעפט. 28.

דער היינטיגער דייטשער אפיציעלער בעריכט לויטעט:

אויפ'ן מערב שלאכטפעלד.

דער שונא האט נעכטען פארגעזעצט זיינע אטאקעס וועלענדיג דורכברעכען אונזערע ליניעס, אבער זיי האבען ניט געהאט קיין ערפאלג. פערקעהרט, דער שונא האט שטארק געליטען פערלירענדיג פיעלע טויטע און פערוואונדעטע, און מיר האבען פערנומען א היבשע שטרעקע לאנד.

אין אונזערע קאנטר אטאקעס וואס מיר האבען געמאכט האבען מיר פערנומען אלס קריגענס געפאנגענע 20 אפיצערען און 750 סאלדאטען. דאס פערגרעסערט די צאהל געפאנגענע, וועלכע מיר האבען גענומען אין יענער געגענד ביז 3.397, אריינרעכענענדיג פיעלע אפיצערען. מיר האבען אויך גענומען נאך ניין מאשין ביקסען.

ארום סאשעי, אנגר, און אנגלענקאר און אויך אויפ'ן גאנצען פראנט פון שאמפאן ביז ארגאן, האבען מיר צוריקגעשטויסען אלע אטאקעס וועלכע זענען געמאכט געווארען פון די פראנצויזען.

אין דעם ראיאן פון ,,אין'' האט דער שונא געבראכט א מאסע קאוואלעריע, נאטירליך זענען פיעלע פון זיי געטויטעט געווארען און די איבעריגע האבען געמוזט אנטלויפען אזוי שנעל ווי זיי האבען נאר געקענט.

אין דער צייט פון דער אויבענדערמאהנטער אטאקע, האט זיך ספעציעל אויסגעצייכענט דער רעגימענט און די סאלדאטען פון דער פראנקפארט אם־מיין דיוויזיע.

אין ארגאן האבען מיר אוואנסירט אויף א קליינעם שטח צו פערבעסערען אונזער פאזיציע ארום לא־פיל־מאר. דער צוג האט זיך אונז איינגעגעבען און מיר האבען גענומען פיער אפיצערען און 250 סאלדאטען.

ארום דעם בארג קאמבריע האבען מיר אויפגעריסען דעם שונא'ס פאזיציאנען מיט מינען.

עסטרייך גיט נאך אמעריקא'ס פערלאנג

וואשינגטאן, סעפט. 28.

ענדליך האט אמעריקא אויסגעפיהרט איהר פערלאנג. דר. קאנסטאנטין דומבא דער עסטרייכישער אמבאסאדאר אין די פעראייניגטע שטאאטען איז אפיציעל צוריקגערופען געווארען פון דער עסטרייכישער רעגירונג און דער סטייט דעפארטמענט האט שוין אין ארענזשירען מיט די אמבאסאדארען פון ענגלאנד און פראנקרייך זיי זאלען זעהען, אז דר. דומבא זאל בעקומען א פרייען דורכפאהר דורך די ים'ן און זאל קענען קומען אין עסטרייך.

דאס איז אפיציעל אנאנסירט געווארען פון עקטינג סעקרעטערי אף סטייטס פאלק נאכדעם ווי עס איז ערהאלטען געווארען א קיבעל פון דעם אמעריקאנעם אמבאסאדאר אין וויען, אין וועלכער ער ערקלעהרט אז ער האט געהאט א געשפרעך מיט הויכגעשטעלטע עסטרייכישע רעגירונגס בעאמטע און זיי האבען איהם ערקלעהרט אז דר. דומבא ווערט צוריקגערופען.

ווי בעוואוסט האט זיך דר. דומבא פערזינדיגט דערביי וואס ער האט געוואלט שטערען די אמוניציאנס ארבייט אין אמעריקא. זיין פלאן איז ענטדעקט געווארען ווען מען האט געפונען זיין בריעף וועלכען ער האט געשיקט מיט אן אמעריקאנעם מלחמה קארעספאנדענט, א געוויסען ארטשיבאלד.

די פעראייניגטע שטאאטען האבען געפאדערט, אז דר. דומבא זאל צוריקגערופען ווערען. דר. דומבא האט זיך אבער געוואלט ארויסדרעהען פון אן אונאנגענעהמער לאגע און האט געזוכט אוועק פון אמעריקא נעהמענדיג אורלויב פון זיין רעגירונג. ער האט עס טאקע בעקומען, אבער אמעריקא האט עס ניט געוואלט, און עס האט שוין געהאלטען דערביי, אז מען זאל דומבאן אוועקגעבען זיינע פאספארטען פונ'ם סטייט דעפארטמענט אין וואשינגטאן, דאס הייסט אויפ'ן פשוט'ן אופן הייסען איהם געהן, אבער ווי עס ווייזט יעצט אויס האט עסטרייך נאכגעבען אמעריקאס פערלאנג און האט אליין אפיציעל צוריקגערופען איהר אמבאסאדאר.

דערמיט ענדיגט זיך דר. דומבא'ס קאריערע.

דייטשען זיעגען אויף דער גאנצער לענג פון רוסישען פראנט

בערלין, סעפט. 28.

מזרח'דיגער שלאכטפעלד.

דער פאלגענדער אפיציעלער בעריכט איז דא היינט פארנאכט פערעפענטליכט געווארען וועגען דעם רוסישען שלאכטפעלד:

די ארמיי אונטער דער קאמאנדע פון פעלד מארשאל פאן הינדענבורג. — אונזערע סאלדאטען האבען נעכטען פערטרייבען די רוסען פון זייערע פאזיציאנען, וועלכע האבען זיך געפינען אויף דעם דרום מערב זייט פון דווינסק. די רוסען האבען געוואלט מאכען אן אטאקע אויף די הינטערשטע רהייען אבער זיי זענען צוריקגעטריבען געווארען. צו דרום זייט פון דער טייך ,,דריסיטיאטא'' געהט אן א שלאכט צווישען אונזערע און זייערע קאוואלעריע. דער רעזולטאט פון דער שלאכט איז נאך אונבעוואוסט.

די אפעראציאנען וואס ווערען געמאכט פון דער ארמיי אונטער דער קאמאנדע פון גענעראל פאן אייכהארן, אויף דער וועג פון ווילנא, האבען געפיהרט דערצו, אז די רוסען זענען צוריקגעשטויסען געווארען איבער דער טייך מאראקז, סמארגאן, ווישניעוואר ליניע. דארטען האבען מיר גענומען געפאנגענע 70 אפיצערען, 21,908 סאלדאטען, דריי קאנאנען, 72 מאשין ביקסען און א מאסע אמוניציע וועלכע די רוסען האבען איבערגעלאזען לויפענדיג האבען זיי עס קיין צייט ניט געהאט מיט זיך צו נעהמען.

דיעזע צאהל געפאנגענע און אמוניציע איז ניט אריינגערעכענט צו די וועלכע מיר האבען פריהער געמעלדעט, נור דאס איז פרייש.

דרום פון סמארגאן פראגרעסירען מיר.

צפון מזרח פון ווישניעוו, האבען מיר דורכגעבראכען די רוסישע פאזיציעס און מיר האבען גענומען געפאנגען 24 אפיצערען, 3.300 סאלדאטען און ניין מאשין ביקסען.

די ארמיי אונטער דער קאמאנדא פון פרינץ לעאפאלד פון באווארי.

די בעפעסטיגטע בריקען מזרח פון באראנאוויטש געפינען זיך שוין אין אונזערע הענט. דאס האבען מיר צוגענומען פון די רוסען נאכדעם ווי מיר האבען דארטען אנגעפיהרט א שלאכט ביי וועלכער מיר האבען גענומען 350 געפאנגענע.

די ארמיי אונטער דער קאמאנדע פון גענעראל פאן מעקענזען.

די לאגע בלייבט אונגעענדערט.

די ארמיי גרופען אונטער גענעראל פאן לינסינגען, האבען זיך דורכגעבראכען א וועג אריבער דער טייך סטיר, ארום לוצק.

צוליעב אונזערע שטענדיגע אטאקעס און זיעגע אויף יענעם פלאץ ציהען זיך די רוסען צוריק צפון פון דובנא אויף דער לענג פון גאנצען פראנט.

דער לעצטער טאג פאר רעדזשיסטרירען זיך.

קומענדער זונטאג וועט זיין דער לעצטער טאג ווען שילערינס וועלען זיך קענען פערשרייבען כדי אריינגענומען צו ווערען אין דער ציוניסטישער דזשוואיש פרי סקוהל פאר דיעזען יאהר.

ווי מר. עדמונד שייער, דער פרינסיפעל טהיילט אונז מיט, האבען זיך שוין 391 מיידלאך פערשריבען.

פראנצויזישע אידען אפעלירען צו די אידען פון אמעריקא.

פאריז, סעפט. 28.

א קאמיטע פון פאריזער אידישע איינוואהנער האבען היינט ארויסגעלאזען אן אפיעל צו אלע אידען פון אמעריקא און פון אלע אנדערע נייטראלע לענדער, אז זיי זאלען שטיצען די אליים און זאלען פערדאמען די דייטשען, וועלכע טרעטען איבער די אינטערנאציאנאלע געזעצע.

די אידישע קאמיטע וועלכע האט ארויסגעלאזען דעם אפיעל איז ערוועהלט געווארען פון א גרויסען אידישען מאססמיטינג, וועלכער איז אבגעהאלטען געווארען אין פאריז, וואו פיעלע פראמינענטע אידישע רעדנער האבען זיך אויסגעשפראכען געגען די ברוטאלע דייטשע לופט אטאקעס וועלכע ווערען געמאכט אויף פרידליכע איינוואהנער.

ענגלישע סאבמארינען אין באלטישען ים.

לאנדאן, סעפט. 28.

וועגען דעם וואס די ענגלישע אדמיראליטעט האט ביז יעצט געשוויגען וועגען דער טהעטיגקייט פון די ענגלישע סאבמארינען וועלכע געפינען זיך אין באלטישען ים, איז היינט ערקלעהרט געווארען אין האוז אף קאמאנס פון טהאמאס מעקנאמארא דער פינאנציעלער סעקרעטער פון דער אדמיראליטעט.

מר. מעקנאמארא האט עס געענטפערט אויף אן אנפראגע וואס איז געמאכט געווארען דירעקט צו איהם, און ער האט געענטפערט, אז יענע סאבמארינען שטעהען אונטער דער קאמאנדע פון דעם רוסישען הויפט קאמאנדיר פון דעם רוסישען פלאט.

מר. מעקנאמארא האט ווייטער ערקלעהרט, אז וועגען דער טהעטיגקייט פון די סאבמארינען קען ניט פערעפענטליכט ווערען פאר'ן אלגעמיינעם עולם, סיידען דער רוסישער קאמאנדיר געפינט עס פאר נויטיג צו טהאן און ער קען פערעפענטליכען זאכען וועלכע ער פערשטעהט, ווייל די סאבמארינען זענען דורכאוס אונטער זיין קאמאנדע.

ראובן בריינין קומט קיין טאראנטא.

לויט א א טעלעגראמע וואס מר. גאלדסטיק, דער טשערמאן פון קאנפערענץ פאר די מלחמה ליידענדע, האט ערהאלטען פון מר. ראובן בריינין, וועט דער לעצטער קומען קיין טאראנטא, זונטאג דעם 10 אקטאבער צו אדרעסירען א פערזאמלונג וועלכע וועט פעררופען ווערען פון דעם קאנפערענץ פאר די מלחמה ליידענדע.

אלע זיינען ערזוכט אויפמערקזאם צו לעזען די ווייטערע אנאנסען וועגען פלאטץ און צייט.

און אלע וועלען דאס טהאן. עס האנדעלט זיך וועגען אונזערע אונגליקליכע ברידער און שוועסטער וועמענס לאגע ווערט דארט פון טאג צו טאג אונערטרעגליכער.

נאטיס!

פון היינט אן און ווייטער וועלען מיר רעכענען $150 א טויזענד הענדבילס, און וועט קלעפען אדער לייגען אין די ניו־יארקער צייטונגען, ווייל דאס איז דער בעפעהל וועלכען מיר האבען ערהאלטען פון ניו־יארק און מיר קענען ניט מאכען קיין אויסנאהמע מיט קיין פארטיי אדער סאסייטע.

פון פריוואטע פערזאנען אדער פאליטישע פארטייען (אויסער ארבייטער) וועלען מיר אין גאנצען ניט אננעהמען.

מיט אכטונג,

דווארקין בראערס.

ווער האט עס געטהאן?

יעמאנד האט ארויסגעבראכט א קלאנג דאס אין מאנטרעאל איז עטוואס א בעאמטער פון קענעדער אידישען פערבאנד וועלכער זאמעלט דארט די געלדער פאר די מלחמה ליידענדע, איז אנטלאפען מיט געלד וועלכע ער האט ביי זיך געהאט. כאטש מיר האבען דאס ניט געגלויבט. מיר האבען ניט געגלויבט אז עס געפינט זיך אזא אויסוואורף אויף דער גאנצער וועלט, וואס זאל זיך ערלויבען צו נעהמען פאר זיך איין איינציגען סענט פון אזעלכע בלוטיגע געלד. כאטש מיר זיינען זיכער געווען, אז דאס איז ניט אמת, דאך האט דער טשערמאן פון טאראנטער קאנפערענץ פאר די מלחמה ליידענדע, מר. גאלדסטיק, טעלעגראפירט צו מר. ראובן בריינין קיין מאנטרעאל, וועלכער איז דער פרעזידענט פון קענעדער אידישען פערבאנד, און האט איהם געפרעגט אויב עס איז פאראן וואס עס איז אמת אין דיעזען קלאנג.

מר. גאלדסטיק האט ערהאלטען אן ענטפער טעלעגראפיש פון מר. ראובן בריינין, וועלכער לייקענט קאטעגאריש אב דעם קלאנג. עס איז לא היה ולא נברא, זאגט ער.

קיינער האט קיין סענט דארט ניט געריהרט פון די געלדער, וועלכע ווערען אוועקגעשיקט באלד ווי זיי ווערען געזאמעלט.

דאס האט הערר בריינין געענטפערט.

דאס האבען מיר פריהער געוואוסט.

און עס פרעגט זיך: ווער האט עס געטהון? ווער האט דאס בלוט פערגאסען? ווער האט זיך ערלויבט צו שעדיגען דיעזע הייליגע ארבייט? ווער האט זיך ערלויבט ארויסצורייסען דעם ביסען פון מויל פון אונזערע ארימע שוועסטער און ברידער וואס געהן דארט אויס בוכשטעבליך פון הונגער?

וועמענס הענד זיינען דאס מיט'ן בלוט פון אונזערע ליעבע קרבנות בעשמירט?

דיעזען זונטאג האט מען אין טאראנטא געזאמעלט $246.85. דאס האבען אונזערע נאבעלע וואלונטירען געטהון.

ווי מאנכע ערקלעהרען האט מען זיי ענטזאגט די 10 סענט איבער דעם קלאנג, דאס הייסט, אז די יעניגע וואס האבען דעם פערברעכען בעגאנגען און דיעזען קלאנג פערשפרייט, אז זיי האבען געווירקט, אז דער קאלעקשאן זאל מיט 30 דאלאר ווייניגער אריין בריינגען!

ווי פיעל ארימע ברידער און שוועסטער קענען דארט מיט 30 דאלאר געהאלפען ווערען?

ווי פיעל קראנקע קענען געהיילט ווערען?

און דיעזע 30 דאלאר זיינען גערויבט געווארען פון זיי דורך דעם לעכערליכען קלאנג וואס יעמאנד האט זיך ערלויבט צו פערשפרייטען.

ווער האט עס געטהון?

ווער טראגט אויף זיין געוויסען אין אזא צייט אזא שוידערליכען פערברעכען?

אלע אידען פון טאראנטא זיינען ריין פון דיעזען גרויסען פערברעכען.

,,ידינו לא שפכו את הדם'' קענען מיר אלע זאגען. איינער אבער, און פיליכט צוויי, האבען דעם קלאנג פערשפרייט און אויף זיי פאלט די זינד, די שאנדע פון דיעזער האנדלונג.

ווער האט עס געטהון?

רוסישער צאר גראטולירט און בעקומט א קאמפלימענט

פאריז, סעפט. 28.

צאר ניקאלאי האט היינט טעלעגראפירט פון דער רוסישער מיליטערישער הויפט קווארטיר צום פראנצויזישען פרעזידענט, גראטולירענדיג איהם מיט דעם זיעג וואס די פראנצויזען האבען געהאט אין דעם שאמפאן ראיאן.

די טעלעגראמע לעזט זיך ווי פאלגט:

,,דערהערענדיג די נייעס פון דעם גרויסען זיעג וואס די פראנצויזישע ארמיי האט געהאט, האב איך אויסגענוצט די געלעגענהייט, צו אדרעסירען צו אייך אזוי גוט ווי צו אייער ארמיי מיין ווארימסטע גליקווינשונג, און מיין ווארימסטען וואונש פאר דער צוקונפטיגער פראספעריטי אין פראנקרייך.

אויף דעם האט איהם דער פראנצויזישער פרעזידענט געענטפערט:

,,איך דאנק אייער מאאיסטעט פאר אייער גליקווינשונג צו אונזער ארמיי פאר דעם זיעג וואס זיי האבען צוזאמען מיט אונזערע פערבינדעטע געהאט איבער אונזער שונא. איך בעט אייער מאאיסטעט אנצונעהמען מיין קאמפלימענט פאר דער אויסגעצייכענטער שטעלונג פון דער רוסישער ארמיי, און פאר זייער בראווער האלטונג. אין דער לעצטער צייט קריגען זיי די אנערקענונג פון דער גאנצער וועלט.

פראפעסאר נחום שלוסץ אין מאנטרעאל

(ספעציעל צום אידישען זשורנאל)

מאנטרעאל, סעפטעמבער 27.

פראפעסאר נחום סלושץ פון פאריז געפינט זיך איצט אין מאנטרעאל. ער איז א גאסט ביי הערר ראובן בריינין.

פראפעסאר סלושץ וועט אדרעסירען א גרויסען מאססען מיטינג וועלכער וועט אפגעהאלטען ווערען זונטאג נאכמיטאג אום 2—30 אין פרינס ארטהור האלל.

די טהעמא וועט זיין:

''דאס פאלק און די פרעסע''.

פראפעסאר סלושץ איז געווען ביז ניט לאנג פראפעסאר אין דעם בעריהמטען פראנצויזישען אוניווערסיטעט פון סארבאן.

עס איז מעהר ווי זיכער דאס די מלחמה איז שולדיג אין דעם וואס מיר האבען דאס פערגעניגען איהם דא צו האבען.

עס איז צו האפען דאס טאראנטאר כלל טהוער וועלען זאפארט קאמוניקירען מיט איהם בכדי אויסצואווירקען ער זאל קומען אין טאראנטא און מיר אין טאראנטא זאלען אויך האבען דאס פערגעניגען איהם צו זעהען און צו הערען.

וויפיעל, נאך אלעמען, האבען מיר דאס אזעלכע ווי פראפעסאר נחום סלושץ?

געלד געשיקט

מר. ה. וויינבערג, שיקט געלד קיין רוסלאנד לויט טאגעס קורס

דער פרייז פון היינטיגען טאגעס קורס:

38 סענט 38

פאר'ן רובעל

מר. ה. וויינבערג, דער ארויסגעבער פון ,,זשורנאל'' מיינט בלויז די טובה פון די וואס שיקען, אז זייער געלד זאל אנקומען שנעל, ריכטיג און פאר דעם ביליגסטען פרייז.

חתן כלה
אלען דאס נעהמען אין אכט!

מערידזש לייסענס
קאן מען קריגען אין אפיס פון
„אידישען זשורנאל"

נאטיס!
דיא יעניגע וואס וועלען דא נעהמען זייערע מערידזש לייסענס וועלען קריגען געדרוקט א שעהנעם בעריכט פון זייער חתונה. פריי

בענוצט זיך מיט דיזע געלעגענהייט!

אדרעס פון דעם זשורנאל
67 עליזאבעטה סטריט 67

אידען פון דער גאנצער וועלט!

44

צו איהר ווילט בעקומען א פרייז אדער ניט, די בילדער דארפט איהר זאמלען.

מיט פיעל שוועריגקייטען איז אנגעקומען די בילדער צו בעקומען.

א סעריע פון בילדער געזאמעלט איז פערשידענע לענדער איז פערבונדען מיט גרויסע אויסגאבען.

די בילדער זענען פאסיג פאר אן אלבום.

אז איהר וועט זיי אנקלייבען, וועט איהר האבען די שעהנסטע אידישע זאמלונג זאמעלט די בילדער, און ביי א קליינער אנשטרענגונג, וועט איהר נאך אויך בעקומען א פרייז.

זאמעלט די בילדער און בעקומט א פרייז

מיר וועלען דרוקען ארום 100 בילדער וועגען אידישע טיפען פון אלע וועלט טהיילען.

די בילדער וועלען ערשיינען יעדען טאג א בילד, זיי וועלען ניט האבען קיין אונטערשריפטען אונטער זיך און די לעזער וועלען דארפען טרעפען, וועלכען אידישען טיפ, דאס בילד שטעלט פאר.

ווען אלע בילדער וועלען אבגעדרוקט ווערען, וועלען די לעזער דארפען אריינשיקען זייערע בילדער, מיט די אונטערשריפטען, וועלכען אידישען טיפ, יעדעס בילד שטעלט פאר, פון די וואס וועלען אריינשיקען די ריכטיגע ענטפערס, וועלען 25 בעקומען פרייזען א פראכטפאל געבונדענעם און אינטערעסאנטען בוך.

אויפמערקזאם!

צו אלע ליידיס העטס און שטרוי ארבייטער פון טאראנטא. עס איז ווירקליך די צייט געקומען דאס די טאראנטער העט מייקערס זאלען עטוואס טהוען אום די צושטענדען פון טרייד צו פערבעסערען.

א פונדאמענט איז שוין געלייגט געווארען פאר א יוניאן. זי איז שוין געגרינדעט געווארען. קומט אלע און לאמיר זיך פעראייניגען פאר אונזערע אייגענע אינטערעסען.

אונזער נעקסטער ספעשעל מיטינג וועט אבגעהאלטען ווערען היינט, מיטוואך דעם 29־טען סעפטעמבער אין לייבאר טעמפעל, אום 8 אזייגער פונקט.

מיט גרוס,
די עקזעקוטיוו קאמיטע.
3760)

בריעף קאסטען

א. ב. — אויפרופע פון יוניאנס מוזען האבען אויף זיך דעם שטעמפעל פון דער בעטרעפענדער יוניאן, אנדערש קענען מיר זיי ניט דרוקען.

א. חזן — אויב איהר וועט נאר ניט ארופפאלען פערזענליך אויף די פיהרער פון דער בעטרעפענדער ארגאניזאציע און שרייבען צום פונקט, וועלען מיר עס דרוקען.

ט. ט. — מיר וועלען עס פערעפענטליכען אין דער נאהענטער צוקונפט.

Real Estate
ריעל עסטייט

צו פערקויפען א היי קלאסס קאסטאם טיילארינג מיט א גוטען קאנעקשאן פון קלינינג און פרעסינג. מוז פערקויפט ווערען איבער קראנקהייט. נים אונז אן 480½ קווין וועסט.
3678—29—9

צו פערענטען א הויז פון 7 רומס, אין 11 דעפי סטריט, גוט פאר א גראסערי סטאר, מילך סטאר אדער פרוכט סטאר, עס איז דא א סטייבעל און א גוטער סעלער. נאכפרעגען ביי מר. גוראפסקי 113 קווין סטריט אדער 110 עליזאבעט סטריט.
3739—28—9

צו פערענטען א סטאר מיט 6 רומס אלע קאנוויניענס 171 סיינט פעטריק גענעבער קענזינגטאן עוו. נאכפרעגען 6 דעניסאן סקוועער.
3761—5—10)

צו פערענטען א הויז מיט א רענט שאפ 111 נייעגרא סטריט. רענט $20 א מאנאט.
Apply, M. SAXE,
Acton W., Ont.
3743—3—10

פערלאנגט א פרעסער ביי דרעסעס אדער א העלפער, נאכפרעגען 243 קאלעדזש סטריט 5־טע פלאר ביי דעם פרעסער.
2729—59—29

פערזאמט ניט! 6 רומס מיט סטים היטינג אלע קאנוויניענס נייע אויפגעפיקסט. ביליגסטע רענט. פרעגען 42 וואלטאן סטריט.
3746—9—29

3 אדער 4 רומס צו פערענטען, אלע קאנוויניענס, ביליג רענט. פרעגען 84 וואלטאן סט.
3773—9—30)

7 דאלער פאלמערסטאן עוו., 2 רומס פלעט, סטים היטינג, טעלעפאן, בליינדס עלעקטריק פיקטשורס. פרעגען טעלעפאן קאלעדזש 2814.
3765—4—10)

א סטאר און 9 רומס צו פערענטען. ביליג רענט פרעגען 47 וויליאם סטריט.
3775—9—30)

א שעהנער פלעט פון 4 רומס עלעקטריק און טעלעפאן פריי.
אויך א פארנישד רום ביליג.
פרעגען ניסענעוויטש 37 מיידזשאר סטריט.
3750—9—28

צו פערענטען פיר 15 מיטינגען דעם ליריק טהעאטער.

(מיטינגען, קאנצערטען און לעקציעס.) פון יעצט ביז יאנואר צו א ביליגער פרייז. אום זונטאג נאכמיטאג, אוענדס און אנדערע טעג.

מיר האבען בעקומען דעם אגרימענט פיר די 15 מאהל פיר א חוב און איהר קענט האבען דעם בענעפיט. נאכפרעגען דווארקינס, 64 עליזאבעט סט. אדער 145 סאנט פעטריק סטריט.

איך גיב 10 דאלאר פיר 75 דאלאר בארגען אויף איין מאנאט — איין גאנץ זיכערע סעקיורעטי ווירד געגעבען. שרייבען ,,זשורנאל" באקס 3.
3771—28—9)

צו פערקויפען איין גוט איינגעטרייטע גראסערע ענד פרוכט סטאר אין קענזינגטאן עוו. דער קויפער איז פערזיכערט צו מאכען איין לעבען. נאכפרעגען: ,,זשורנאל" באקס 335.
3764—1—10)

פערלאנגט א קענוועסער פאר קלינינג און פרעסינג. זיכער א לעבען צו מאכען פאר א פעהיגען מאן, 245 טשוירטש סט.

די קאנגרעגיישאן בית ישראל אנשי מינסק פערלאנגט א שמש. פאר אינפארמיישאן נאכפרעגען 48 קענזינגטאן עוו. ב. פרידמאן.
3780—10—6)

פערלאנגט אפרייטארס צו מענער קאוטס אויך שניידער און פינישערס, נאכפרעגען אימפעריאל קלאדינג קא. 217 ריטשמאנד סט. וועסט.
3783—29—9)

איך זוך ארבייט אין עני ביזנעס איך האב איין אייגענעם פערד און וואגען. ווילינג אנצונעהמען עני דזשאב. פרעגען 22 ד׳ארסי סט. טעלעפאן אדעלייד 3311
3784—10—3)

צו פערענטען א הויז. $12. ריער 44 ד׳ארסי סטריט. 6 רומס מיט א גרויסען סטייבעל. פאסענד פאר א פעדלער. פרעגען ביי מר. גוראפסקי.
3779—29—9)

פערלאנגט
פאיר פינישערס
ביי א. לעווין קא.
264¼ יאנג סטריט. די העכסטע וויידזשעס ווערען געצאהלט.
3767—29—8)

ארבייטער פערלאנגט

איך מאך בעקאנט דעם ווערטהען פובליקום דאס ס. סינאל, דער וואטשמייקער און דזשועלער האט געמופט פון נומער 9 סענט פעטריק סקוועהר אין 174 סענט פעטריק סטריט.
3711—10—1

פארמס צו ביליגע פרייזען ביי ב. גאדמאן 382 פארלאמענט סטריט. פאקס, מינק סעטס און זא ווייטער. טעלעפאן מיין 6092

פערלאנגט
— ביי —
THE T. EATON Co LIMITED
עקספיריענסד שניידער און פינישערס צו ליידיס און מענס קלאדהינג.
זיך ווענדען צום
פעקטארי עמפלאימענט אפיס
16 לואיזא סטריט.

פערלאנגט עקספיריענסד אפרייטארס און שניידערס און פינישערס צו מענער ארבייט.
569 קווין סטריט וועסט.
3736—30—9

פערלאנגט א מיידעל אדער א פרוי פיר הויז ארבייט פרעגען 34 קאר סטריט
3274—9—29)

א גראסערי סטאר צו פערקויפען ביליג און גוט.
נאכפרעגען פיין און רובין 397 קווין סטריט וועסט. פאן ארעלייד 2586
3748—9—28

א קענדי ראוד, מיט א פערד און וואגען צו פערקויפען. גאראנטירט א לעבען צו מאכען.
נאכפרעגען 757 קווין סטריט וועסט.
3749—10—4

פערלאנגט באארד און רום ביי א סטודענט. שרייבט ,,זשורנאל" באקס 302.
3788—3—10)

פערלאנגט ארבייט!
מאדאם עלעאנאר, היי קלאסס, ווייסטס און דרעסעס, געמאכט צו ארדער. 431 ספעדיינא עוו.
3785—29—9)

צו פערענטען א 3 רום אפארטמענט, 37 וועגאלי סטריט.
3792—3—9)

2 פלעטס צו פערענטען פאסענד פאר א שניידער שאפ מיט מאשנעס. אנפרעגען 177 קווין וועסט.
3778—3—10)

קוויטירונג
פון ,,אידישען פאלקס פעראיין".

אויף א ברית אין 49 באלדווין ביי י. נתן פיש געזאמעלט דורכ׳ן טשערמאן פון פעראיין און מר. משה טארנאווסקי, $2.30.

פון א ברית אין סאטין אנטאריא דורך חזן מאנוויטץ ערהאלטען 3 דאלאר.

אויף א ברית אין 65 וואלטאן ביי מר. אברהם בערנשטיין געזאמעלט $4.50 מר. סעם בוים און אלטער שאפירא האבען געבראכט די געלד צום פעראיין.

פון א נדר אין תפארת ישראל אנשי נויארק מר. אלימלך פלאהם 50 סענט.

א נדר פון מר. צוקער 25 סענט.

פון א פארטהי ביי מר. שולמאן 393 פארלאמענט, געזאמעלט דורך מר. מענערמאן $4.03. מיסס עני ראווינסקי און שרה מענערמאן אונזער האספיטאל קאמיטע פון רזש. האספיטאל און טיקעטינג מעמבערינס האבען געבראכט די געלד צום פעראיין.

אויף א חתונה ביי מר. סעם זאלצמאן מיט מיסס ראזי גרינשפאן ניערססא 68 געזאמעלט דורך אונזער טרעזשורער, מר. גאלדפעלד און אונזער טשערמאן מר. מעזניקער 6,80 העלפט איז געגעבען געווארען פאר די מלחמה קרבנות. מר. קארמאן האט געקויפט די געלד, אז מיסס ראזענבאם מיט די חתן כלה זאלען עס ברענגען צום פעראיין.

אויף א ברית אין 160 מארקהאם ביי מר. ל. לעווין איז געזאמעלט געווארען 7.50 פאר׳ן פעראיין. מר. און מרס. סילווערמאן אונזערע טיקעטינג מעמבערס האבען געבראכט די געלד צום פעראיין.

אויף א ברית ביי מר. ב. סורדין 8 קעמעראן סט. 3 דאלאר. די געלד האבען מיר בעקומען אין ,,זשורנאל".

דער פאלקס פעראיין ווינשט מזל טוב אלעמען מיט א גליקליך ניי יאהר אין נאמען פון די אידישע עלענדע קראנקע און די וועלכע געפינען הילפע אין פאלקס פעראיין דאנקען מיר די מנדבים און די זאמלער.

יוסף מעזניקער, טשערמאן.
ה. מ. קירשענבוים, סעקרעטער.

די שעהנע רבקה

א אריגינעלער און שפאנענדער ראמאן פון דעם אידישען לעבען אין רוסלאנד און קענעדע

געשריבען פארן "אידישען זשורנאל"

פון ב. באראץ

(106טע פארטזעצונג)

פאר רבקהלען איז גרשונ׳ס ערשיינונג געווען א וואונדער זי האט ניט געוואוסט פון וואנען ער איז געקומען און צי ער ווייסט עטוואס וואס מיט איהר האט פאסירט. אבער געקוקט האט זי אויף איהם ווי אויף א מלאך וועלכער האט זי גערעטעט.

רבקהלע האט געפיהלט ווי אויסצוגיסען איהר ביטער הארץ פאר גרש׳ן דער צעהלען איהם אלעס וואס מיט איהר האט פאסירען, ווי זי האט געפונען איהר מוטער און, ווי די מוטער האט זי פון זיך פערשטויסען, אזוי אז זי האט געמוזט פון יענער הויז אנטלויפען און דאס יעצט איז איהר נאך פיעל ערגער אידער אין יענעם טאג ווען זי האט צום ערשטען מאל בעטראטען דעם באדען פון דער נייער לאנד.

רבקהלע האט זיך אבער געשעהמט קוקען גרשונ׳ן גלייך אין די אויגען זי האט זיך געפיהלט אזוי שולדיג נעגען איהם, אז זי האט זאגאר ניט געדענקט אויב ער וועט עס איהר ווען עס איז פערצייהען, זי האט זיך דערמאהנט ווי מיאוס זי האט גרשנ׳ן בעליידיגט, ווי זי האט איהם פערדעכטיגט אז ער וויל צושטערען איהר גליק, און טראכט אויס א בלבול אז בעני איז איהרער א ברודער.

דיזע אלע ערָאינערונגען האבען רבקה׳סען איהר ביטער הארץ פאר גרשנ׳ן דער זאגאר ניט געהאט דעם מוטה א קוק צוא טהאן אויף גרשנ׳ן טיעף אין הארצען האט יז אבער געוואונשען אז גרשון זאל אנהייבען צו איהר צו ריידען, זי וואלט איהם דאן אלעס ערקלעהרט, זי וואלט איהם געפאלען אויפ׳ן האלדז, זיך צוגעטוליעט צו זיין ברוסט און וואלט זיך גוט אויסגעוויינט.

גרשון האט אין רבקהלעס אויגען יעצט אויסגעזעהען צו זיין פיעל פיעל גרעסער אידער ווען עס איז פריהער וואס פאר א נאבעלע נשמה ער פערמאגט, האט רבקהלע ביי זיך געטראכט. אין אלע נויטען איז ער מיר בייגעשטאנען, וואו איך האב זיך נור א קעהר געטהאן האט ער מיך פון אן אונגליק פערהיט איך האב איהם אבער אפגעדאנקט פאר דעם מיט פעראכטונג.

און זאגאר יעצט נאכדעם ווי איך האב איהו אזוי פערשטויסען פון זיך איז ער דאך מיר געבליבען טרייה און איבערגעבען און אזוי שנעל ווי איך בין פערקראכען אין א נייער צרה אי׳ ער געקומען אין צייט מיך ארוים צו ראטעווען.

גרשונ׳ס שטימע האט רבקהלען פלוצלינג אויפגעוועקט ווי פון שלאף.

וואס וועלען מיר דא שטעהען! האט גערשון געזאגט, מיר קענען נאך ווערען פערדעכטיג און מען וועט אונז ביידען ארעסטירען, האט ער צוגעגעבען מיט א שמייכעל.

"יא"! מען דארף געהען. האט רבקהלע אויטאמאטיש געענטפערט.

די פראגע איז נאר, האט גרשון געזאגט, וואוהין געהען צו אייער מוטער, אדער איהר־ווילט געהען צו זיך אהיים.

"צו מיין מוטער". האט רבקהלע א געשריי געטהאן און האט זיך אזש א טרייסעל געטהאן. זי איז ניט מיין מוטער און איך וויל זי ניט קענען.

אזוי! איהר האט אויסגעפונען אז עס איז א טעות מיסעס בלומגארטען איז ניט אייער מוטער? דאן איז עטוואס אנדערש. האט גרשון פיעל בעדייטענד געזאגט.

הלואי וואלט עס געווען א טעות, האט רבקהלע געזאגט צום בעדויערען אבער איז דאס קיין טעות ניט, נור די־ווירקליכקייט אליין, איך וואלט אייך אבער איין זאך בלויז געפרעגט אויב איהר וועט עס מיר ערלויבען, איך ווייס אז איך האב געגען אייך געהאנדעלט ניט אזוי ווי איך האב בעדארפט האנדלען און איהר זענט אויף מיר נעוויס בייז צו וואס איהר האט א פולע רעכט...

אויף אייך בייז! האט זיך גרשון צולאכט מיט א הילכיגען געלעכטער. ווער קען דען זיין אויף אייך בייז? און וואס האט איהר מיר אזוינס געטהאן פאר וועלכעס איך זאל אויף אייך בייז זיין? איבער הויפט זיין בייז אויף אזא ליעבענדער אייך וואס איהר האט אייער מוטער געפו: נשמה ווי איהר זענט האט זיך שוין בעני צוהיצט.

איך האב אייך דאך אבער אזוי מיס האנדעלט, האב אייך גערופען ליגנער, און האב אייך דורכגעטריעבען פון מיר.

נו! האב איך א גרויסע זארג אז איהר האט מיך ליגנער גערופען האט גרשון פארטגעזעצט מיט א געלעכטער, איך האב עס דאן ערווארטעט. איך האב גאנץ גוט געוואוסט אז ווען איהר וועט עס דערהערען וועט איהר מיר ניט וועלען גלויבען, אבער יעצט בין איך דאך קיין ליגנער ניט ווייל איהר האט זיך איבערציינט אז וואס איך האב געזאגט איז אמת ארט מיך ווייטער ני.ט

ליידער איז דאס אמת! האט רבקהלע געזאגט מיט א זיפץ. וואס? האט זיך גרשון ווי פערוואונדערט עס פערדריסט נען, איהר האט דאך אזוי שטארק נעגארט זי צו געפינען, און נאכדעם ווי איהר האט זי געפונען בעדויערט איהר דאס, ווי זאל איך דאס פערשטעהען?

אט דאס איז טאקע די פראגע וועלכע איך האב געוואלט פרעגען האט רבקהלע געזאגט. ווי וואלט איהר געהאנדעלט, ווען איהר געפינט אייער מוטער וועלכע איהר האט ניט געקענט. איהר לאזט זיך צו איהר דערקענען זי דערקענט אייך, און דאן פערלאזט זי אייך און וויל אויף אייך מעהר ניט קוקען זאגט ווי וואלט איהר געהאנדעלט אין אזא פאל.

איך וועל אייך זאגען גאנץ אפען, האט גרשון געענטפערט מיט מיר וואלט אזא פאל קיינמאל ניט געקענט פאסירען און פאלגליך קען איך ניט פיהלען וואס א קינד פיהלט דאן צו דער מוטער, איך ווייס אבער צוויי זאכען מיט מיר וואלט עס ניט פאסירט ווייל איך שטעל מיר פאר אז מיין מוטער וואלט בעדארפט זיין א מלאך און די גוטסקייט אליין זי וואלט מיך קיינמאהל ניט פערלאזען, און צווייטענס איז א מוטער אימער א מוטער אפילו די ערגסטע פיהלט זי דאך ליעבע צו איהר קינד, און איז זיך פערטיג זאגאר אומברייגגען פיר איהר קינד.

אבער גאנץ אנדערש איז דער פאל מיט מיר האט רבקהלע געזיפצט.

רבקהלע האט אלעס דערצעהלט גרשונ׳ן וואס מיט איהר האט פאסירט פון דעם טאג וואס זי האט איהם געלאזען אין קווינס פארק, ווי זי איז אוועק אהין, ווי זי האט זיך געלאזט דערקענען צו איהר מוטער, ווי זי איז קראנק געווארען, און אזוי ווייטער.

רבקהלע האט איהם פאר איין גאנג ניט פערגעסען צו דער דערצעהלען גרשונ׳ן איהר גאנצער ביאגראפיע, פון אנפאנג ביז צו ענדע.

גרשון האט זיך ניט געוואונדערט אויף דעם וואס רבקהלע האט איהם דערצעהלט, אמת אז ער האט ניט געוואוסט אלע איינצעלהייטען אבער ער האט פיעל אליין פערשטאנען, זעהענדיג די אויפפיהרונג פון רבקהלען פון דעם ערשטען טאג וואס ער האט זי בעגעגנט.

,,ווייסט איהר דען ניט, אז אויך אייער מוטער איז קראנק געווארען צו גלייך מיט אייך פון איבערראשונג און נערוועזיטעט? האט גרשון פלוצלונג א פרעג געטהאן רבקהלען נאכדעם ווי זי האט געענדיגט איהר ערצעהלונג.

ניין! דאס ווייס איך ניט האט רבקהלע געענפערט, איך האב זי ניט געזעהען פאר דער גאנצער צייט וואס איך בין דארטען אין הויז געווען.

דאן קען זיין, און איך בין מעהר ווי זיכער אז איהר בעשולדיגט אייער מוטער אומזיסט, זי האט אייך פיליכט שטארק געוואלט זעהען און האט ניט געקענט, ווייל איהר מוזט ניט פערגעסען אז איהר זענט יונג און אייער הארץ און קערפער האבען אזא איבעראשונג געקענט גרינגער אריבערטראגען איידער זי האט עס געקענט.

איז עס מעגליך אז איך האב געמאכט א איבעראיילטען שריט? האט רבקהלע געזאגט און איהר שטימע האט זיך געהערט חרטה.

איך בין מעהר ווי זיכער אז אייער שריט איז געווען א איבעראיילטער און ניט קיין איבערלעגטער מען קען אייך דער פאר אויך ניט בעשולדיגען, איהר זענט געווען נערוועז און דערזעהענדיג אז אייער מוטער איז ניטא ארום אייך זענט איהר אנטלאפען.

גרשון האט דאן דערצעהלט רבקהלען פון אלעס וואס עס האט פאסירט, ווי אזוי ער איז געקומען אהין אין הויז, זיך נאכגעפרעגט אויף איהר און אזוי ווייטער, ער האט איהר אויך דערצעהלט אז זיי האבען נאך ניט געוואוסט צו זי איז אנטלאפען

גרשון האט רבקהלען דערצעהלט מיט אלע איינצעלהייטען ווי זיי זענען אלע דריי אריין אין צימער און האבען זי דארט ניט געפונען, און ווי זיי האבען דאן איהר בריעף געפונען.

האט איהר אויך מ׳ין בריעף געזעהן, האט רבקהלע געפרעגט פערדעקענדיג איהר פנים מיט ביידע הענד.

גאנץ געוויס האב איך איהם געזעהען, זיי האבען איהם ניט געקענט לעזען האב איך עס געמוזט לעזען פאר זיי, און דאן ערשט ווען מיר האבען זיך דערוואוסט אז איהר זענט אנטלאפען האבען מיר זיך ארויסגעלאזען אייך זוכען, יעדער איז געגאנגען אין אן אנדער ריכטונג.

אזוי זענען זיי אויך געגאנ[illegible] זוכען, בעני מיט זיין פאטער. האט רב[illegible] נייגעריג געפרעגט.

"יא"! אזוי איז עס געווען, און איך הגוב גראדע געהאט דאס גליק צו געפינען דעם עוצר.

רבקהלע האט שוין ניט געהערט וואס גרשון האט ווייטער גערעדט איהר האט געגבערט אין מוח דער געדאנק אז זי איז בעגאנגען א פעהלער געגען איהר מוטער, און זי דארף עס גוט מאכען.

איך בין זיך מודה אז פיליכט בין איך א פעהלער בעגאנגען האט רבקהלע געזאגט מיט א געבראכענער שטימע. און דעריבער וויל איך מיין מוטער קיין שמערצען ניט פערשאפען און געהן גלייך צוא איהר.

דאן געהען מיר ביידע האט גרשון פרעהליך געזאגט. און נעהמענדיג דיא סטריט קאר איז רבקהלע מיט גרשונ׳ן אוועקגעפאהרען צו סאניטשקאן אהיים.

(פארטזעצונג פאלגט)

א קצור פון די נארטה וועסט לאנד געזעצע.

דער עלטערער פון דער פאמיליע אדער עני מאן איבער 18 יאהר אלט, וועט קענען בעקומען א פערטעל אבטהיילונג פון דאמיניאן לאנד אין מאניטאבא, סאסקאטשעוואן ארער אלבערטא.

דער פארשלאג דארף געמאכט ווערען אין די דאמיניאן לענד אייזשענסי אדער סאב אייזשענסי פון דיסטריקט. אן אפליקיישאן קען געמאכט ווערען אין אפיס פון לאקאל אייזשענסי פון דאמיניאן לאנד (ניט סאב אגענט) אויף געוויסע קאנדיציאנען.

פליכטען — 6 מאנאטען אויף בעארבייטען די לאנד אין יעדע דריי יאהר. א הויז בעזיצער קען וואהנען 9 מייל ווייט פון זיין פלאץ אויף א פארם פון ניט ווייניגער ווי 80 אקער לאנד אויף געוויסע קאנדיציאנען. א הויז איז נויטווענדיג אין יעדען פאל סיידען ווען דערוואהנונג איז אויפ׳ן זעלבען פלאץ.

אין געוויסע דיסטריקטען א האמסטידער וועלכער איז אין גוטע אומשטענדען קען קריגען א פערטעל האמסטעד ארום זיין פלאץ פיר דעם פרייז פון 3 דאלאר א אקער.

פליכטען — 6 מאנאטען וואהנען אויפ׳ן פלאץ און יעדע זעקס יאהר ווען די האמסטעד געהט אריין אין קראפט (שוין אריינרעכענענדיג די צייט פון דער ענטרי) 50 אקער עקסטרא פיר בעארבייטען די צייט פיר קולטיווירען איז אבהענגיג אין קיים אויב אויסגעפינען דא דער פלאץ איז א זאמדיגער אדער א שטיינענדיגער נאכדעם ווי רעפארטש צו האמסטעד אינספעקטאר.

א יפארמער וועלכער האט בעארבייט זיין פארם און האט פון איהר קיין רעזולטאטען קען נעהמען לאנד אין וועלכען דיסטריקט ער וויל פאר 3 דאלאר א אקער.

פליכטען — מוז זיצען 6 מאנאטען און יעדע 3 יאהר בעארבייטען 50 אקער און אויפבילדען א הויז אין ווערטה פון 300$.

וו. וו. קארי.
דעפיוטי מיניסטער אף אינטעריאר

נ. ב. ניט אויטאריזירטע פובליקאציעס פון דעם אדווערטייזמענט וועלען ניט בעצאהלט ווערען.
— 87085

עקספרעסען און שווערע וועגענס.
ווי אויך פוירסט קלעס קערידזשעס פיר חתונות צו רענטען. פרייזען פון $1.00 ביז $1.75 יעדער. ספעשעל פרייזעס פיר לויות.
האלגרייווס ליווערי 11 גרענרוש עוו.
פאן קאלערוש 4953.

פערלאנגט אפרייטארס ביי מענער ארבייט אין 458 רידשמאנד סטריט ארבייט אטוואנס 458 ריטשמאנד סטריט מישאצקע.
3763—9—30)

פערלאנגט גוטע עדזש בייסטערס צו מענער רעק. פרעגען זאפארט מר. מ. ראסמינסקי, טאראנטא קלאדינג קא. 206 עדלייד נעסט.
3768—1—10)

עקספיריענסד אפרייטארס פערלאנגט פיר לײדיס וועלוועט העטס. נאכפרעגען 126 סימקא סטריט.
3770—9—29)

פערלאנגט א שניידער. פרעגען 768 קווין סטריט וועסט.
3772—9—29)

איין אנשטענדיגע פרוי פערלאנגט א קינד צו האדעווען. גאראנטירט די בעסטע צופרידענהייט. נאכפרעגען 57 וויליאם סט. מרס. שווארץ.
3776—9—3)

פערלאנגט אפרייטארס צו פענטס אויך פינישערס, 545 קינג סט. וועסט.
3786—3—10)

שניידער פערלאנגט פיר קאסטימער ארבייט. פרעגען 30 עדלייד איסט.
3777)

אלט ניילאנד

ראמאן

פון טהעאדאר הערצל.

אויב איהר ווילט איז דאס
ניט קיין בבא מעשה.

(16־טע פארטזעצונג)

— גאנץ פיין, האט פריעדריך געזאגט, — פארן פובליקום איז שוין גענוג פערזארגט. איך זעה נאך אבער דערפון ניט איין די גליקען פאר'ן פאלק. נייע געדאנקען און פערלאנגען קריגען זעלטען א סך אנהענגער. זיך פערלאזען אויף דאס פובליקום אז זי זאל אליין פערבעסערען איהרע פיהרונגען, אליין אננעהמען נייע געדאנקען און טיעפער איינווארצלען, איז כמעט אזוי קלוג ווי מען זאל זיך פערלאזען אויף קינדער. די שותפישע צייטונגען וואס לעבען נאר מיט דעם געוועהנליכען קהל'שען מיינונג קענען ברענגען דערצו אז דאס פאלק זאל ווערען פערגרעבט און דאס פאלק זאל שטענדיג בלייבען ביי די אלטע פיהרונגען און ניט וועלען וויסען פון נייע געדאנקען און נייע שטרעבונגען. דאס פובליקום וועט מיט טויבע אויערען זיך גוט צוהארכען צו די פאדערונגען פון דער נייער צייט, און די איינציגע וואס וועלען דאס יא וועלען דורכפיהרען, וועלען טרעטען מיט די פיס די אלטע גוטע איינפיהרונגען. צוליעב אייער שותפישע צייטונגען, וועט דער בעגאבטער מענש קיינמאל ניט קענען קריגען די פיהרונג ביי אייך און אייער געזעלשאפט וועט ווערען רעגירט פון מיטעלמעסיגע קליינע קעפעליך וואס לעקען און חנפה'נען דאס פובליקום."

— איהר האט מיך ניט געלאזט אויסריידען, הערר דאקטאר, איך האב ניט געזאגט אז אלע צייטונגען ביי אונז זיינען שותפישע. די שותפישע צייטונגען זיינען נאר די גרויסע בלעטער וועלכע קאסטען אב הונדערטער טויזענדער און דאס פאדערען גרויסע קאפיטאלען ביי דער בעגרינדונג און וועלכע זיינען ניט מינדער קאפיטאליסטישע אונטערנעהמונגען, ווי דאס גרינדען פון א גרויסע פאבריקאציע. מיר האבען אויך צייטונגען וואס געהערען איינצעלנע מענשען, און ווערען געפיהרט פון אונאבהענגיגע רעדאקטארען. איך אליין האב אויך אזא צייטונג. איך דארף זי האבען בכדי דורכצופיהרען א שטיקעל מלחמה אין אונזער געזעלשאפט. מיין הויפטגעגנער דר. ראבינער גייער האט אויך א אייגענע צייטונג. איך וועל מיין צייטונג ניט ארויסגעבען לייכטער ווי דער שטרייט וועט דויערען. גייער מן הסתם, וועט זיין צייטונג ניט אזוי גיך צו מאכען, ווייל ער לעבט נאר פון שטרייט און אזוינע וכוחים, און אזעלכע צייטונגען, וואס האבען פערשיעדענע צוועקען, זיינען נאך דא א סך, בעווייזען זיי נייע מיינונגען, נייע אנזיכטען איז דא גענוג מעגליכקייטען זיי ארויסצוריידען עפענטליך און צו שטרייטען פאר זיי. אמת, אהן א ביטערען קאמפף וועלען זיי ניט אנגענומען ווערען. אקוראט ווי אין דער פריהערדיגער צייט, און דאס איז גאר ניט אזוי שלעכט, צוליעב דעם קאמפף פערטיעפען זיך די איבערצייגונגען, שטארקט זיך דער־מוטה און מען געוועהנט זיך איין צו געדולד און צו פעסטיגקייט. גלויבט מיר, צוליעב אונזערען שותפישען לעבען זיינען מיר ניט ארעמער נאר רייכער געווארען מיט בעגאבטע און שטארקע מענשען. דער איינצעלנער מענש ווערט ביי אונז ניט צומאהלען אונטער דעם מיהלשטיין פון קאפיטאליזמוס און ווערט ניט דערנידערט פון סאציאליזם, וואס וויל אז אלע זאלען זיין גלייך, אז אלע יונים זאלען האבען איין פנים. מיר ווייסען די ווערדע פון דעם פרייען מענשען און מיר שעצען דעם גייסט אין מענשען, ניט ווענינער ווי מיר שעצען זיין פערמעגען און דאס וואס ער האט זיך אליין דערווארבען."

„נא, גאט צו דאנקען" האט קינגסקאורט געזאגט, איך האב שוין גערעכענט אז מען ווייס שוין ביי אייך ניט קיין חילוק פון מיינס און דיינס.'

„ווען מיר וואלטען ניט געוואוסט דעם חלוק, וואלט אלצדינג וואס איהר האט געזעהען און וועט נאך זעהען, ניט געקענט בעשאפען ווערען", האט דוד ווייטער דערקלעהרט. — ניין, אזוי משוגע זיינען מיר ניט געווען. דעם חשק צו ארבייטען, זיך צו מיהען, צו מאכען ענטדעקונגען און ערפינדונגען האבען מיר ביי קיינעם ניט אבגעשוואכט. די גרעסערע בעגאבונג מוז אויך א גרעסערע רענטע קריגען. די גרעסערע אנשטרענגונג מוז ווערען גרעסער בעצאהלט. מיר דארפען דאס רייכטהום אנצולאקען דערמיט דעם שטרעבזאמען, צו קענען דערנעהרען דערמיט די זעלטענע קונסט. איך אליין געהער אויך צו די גוט בעמיטעלטע. איך בוי שיפען. מיין עסק איז אזוינער, וואס קען נאר גוט געפיהרט ווערען פון אן איינציגען אונטערנעהמער אדער פון א אקציאנגעזעלשאפט. דאס איז דאך די מעלה פון אונזער געזעלשאפט, אז זי לאזט צו אלערליי ארטען פון סוחרישע אונטערנעהמונגען, סיי שותפישע, סיי אויף'ן אייגענעם רעכענונג. ביי מיר צו הויז וועט איהר זעהען א מאדנע מישינג פון פערשיעדענע עקאנאמישע פארמען. איך בין דער בעל הבית פון דער פירמע. מיינע ארבייטער האבען געמאכט צווישען זיך אן ארטעל וועלכע ווערט מיט יעדען טאג זעלבסטשטענדיגער און שטארקער, און דוקא מיט מיין ווילען און מיין אונטערשטיצונג. צום אנפאנג פון מיין אונטערנעהמונג האבען זיי נאר געהאט א שותפישע קלייט פאר לעבענסמיטעל, וועלכע האט זיך אויסגעארבייט אין א שפארקאסע איהר הארפט ניט פערגעסען אז אונזערע ארבייטער זיינען סיי ווי סיי פערזיכערט געגען אלע אנפעלע, ווי קראנקהייט, אלטקייט און פריהען טויט. זיי קענען דעריבער אסך אבשפארען. איך האב נאך זייער שפארקאסע געשטארקט דערמיט, וואס א טהייל פון מיינע רוחים שענק איך פאר א קאסע. איך האב דאס ניט פון גוטסקייט געטהאן, נאר צוליעב א פשוט'ען רעכענונג, ווייל חוץ וואס צוליעב דעם זיינען מיר די ארבייטער געטריי, זיכער איך מיר די מעגליכקייט, גוט צו פערקויפען מיין געשעפט אין דער צייט וואס איך וועל זיך שוין וועלען אברוהען. איך פערוואנדעל דאמאלסט מיין שיפסבוי געשעפט אין א אקציענגעזעלשאפט, און פירעם פאל זיינען מיינע שותפישע ארבייטער די ערשטע, וואס האבען א רעכט אויף אבצוקויפען די אקציעס, דעריבער זיינען מיר מיינע ארבייטער די בעסטע פריינד. מיר קריגען זיך ניט וועגען לוין געלד, מיר האבען בכלל ניט קיין שטרייטיגקייטען. עס געהט צו ביי אונז אזוי שטיל ווי אין אברהם אבינו'ס צייטען, און דערביי העכסט אייראפעאיש. ווען עס זאל קומען צו מיינע ארבייטער איינער בונטעווען, דארף איך זיך גאר ניט אריינמישען, זיי וועלען איהם אליין אויסלאכען און ארויסווארפען. זיי ווייסען גוט וואס זיי האבען פאר זיך צו טהאן, און די אונקלאהרע סאציאליסטישע געדאנקען האבען פאר זיי קיין ממשות ניט.

קינגסקאורט האט פריינדליך צוגעברומט:

— איהר זייט נאך אזוי יונג, און איהר האט שוין אזוי וויט געבראכט."

— ווייל איך האב פריה אנגעהויבען. איך בין געוועזן פון די ערשטע וואס האבען איינגעוואנדערט אהער זיך האב איך גאר ניט צו פערדאנקען, אדער כמעט גאר ניט. די גרויסע ארומיגע אונטערנעהמונגען האבען מיך ארויפגעבראכט אין דער הויך. אבער דערפון וועלען מיר רעדען אין טבריה.

— פאר וואס גראד אין טבריה? האט פריעדריך געפרעגט.

„נאר דארט קענט איהר פערשטעהן דעם טעם דערפון, ווייל דארט וועט איהר דערגעהן וואס פאר א יום טוב מיר האבען היינט. איצט אבער קלייבט זיך אויס א צערשטרייאונג אויף היינטיגען אבענד. אדער צו ווילט איהר בעסער העהן דאס פראגראם פון די צושטרייאונגען פון א רעדעדיגע צייטונג? ער האט ארונטער גענומען פון דער וואנד צוויי הערכרעהרען און האט זיי אנגעבאטען די געסט.

קינגסקאורט האט געלאכט:

„ליעבער שרה, דערמיט וועט איהר מיר ניט אבחדוש'ען. דעם קונץ קען שוין. אזא טעלעפאנצייטונג איז שוין געווען פאר 25 יאהרען אין בודאפעסט."

„איך מיין גאר ניט אייך צו ווייזען נייעס. איבריגענס, איז די רעדעדיגע צייטונג אויך א שותפישער עסק.

אזא צייטונג קען אבער ניט האבען קיין יפעל איינקינפטע. ווייל זי קריגט דאך ניט קיין רעקלאמען.'

„טאקי גראד פערקעהרט. פאר רעקלאמען צאהלט מען דא די גרעסטע פרייזען די מודעות און רעקלאמען אין די געדרוקטע צייטונגען קען דער לעזער איבערהיפען דאנגעגען אבער איז ער געצוואונגען אויסצוהערען די רעקלאמען, וואס קומען צו זיין אויער דורך אזוינע רעהרלאך. הארכט אר א ווייל, אפשר לייענט מען גראד א רעקלאמע.

זיי האבען צוגעלעגט די הארכרעהרען צום אויער. צוערשט האבען [illegible] ידיעה אז אין יאקאהאמא איז אבגעברענט א דאק (א ארט, וואו שיפען האלטען זיך אויף) דערנאך וועגען א טהעאטערשטיק אין פאריז, די לעצטע פרייזען פאר קארן, און באלד דארויף האט זיך נאך דייטליכער געהערט, ווי די פריהערע בעריכטען:

„ביי שמואל קאהען קריגט מען די טייערסטע עדעלשטיינער, עכטע ווי פאלשע, צו גאראנטירט וואונדערליכע פרייזען ביי שמואל קאהען, גרויסע גאלערי גאס נומער 37."

זיי האבען זיך פארנאנדערגעלאכט. דוד האט נאך געזאגט:

מען מאכט דאס אפט נאך אויף א גנבישער ארט בכדי דער הערער זאל ניט בעמערקען ווי מען איז איהם מכבד מיט א רעקלאמע. די רוחים פון דער צייטונג זיינען מורא'דיג. צום אנפאנג האבען די אבאנענטע געצאהלט א שקל א חודש און פלעגען אבקריגען א סך מעהר צוריק. די צייטונג האט דאך ניט קיין הוצאות אויף פאפיער, דרוק און פאסט געלד. די טעלעפאן צייטונג איז פערפליכטעט צו צאהלען א יעהרליכע אבגאבע דער שטאדט חיפה און דער נייער געזעלשאפט. די צייטונג געפינט זיך איבעריגענס אונטער א בעזונדערע השגחה. אין דער הויפט ביורא פון דער רעדאקציע קוקען בעאמטע פון דער געזעלשאפט, אז מען זאל ניט אריינרעדען אין אפאראט קיין נבול פה, קיין שקרים, קיינע פאלשע ידיעות און דאס גלייכען.

פריעדריכען איז עפעס א פלא געווען:

„איך הויב ניט אן צו פערשטעהן, ווי קען מען פון א פריוואטען עסק, ווי א טעלעפאנצייטונג ווי באלד דער עסק גיט גוטע רוחים נעהמען און אבגאב. אזוי ווי איהר האט אונז נאך ניט דערצעהלט נאך וואס פאר א שולחן ערוך איהר לעבט, וועלכע רעגירונגס פיהרונגען איהר האט איינגעפיהרט, איז מיין פראגע, דאכט זיך ניט קיין נארישע.

מיט דער טעלעפאנצייטונג איז א בעזונדערע מעשה. די טעלעפאן צייטונג מוז דאך וואו עס איז דורכציהען א אייגענעם קייבעל. אונטער אונזערע גאסען האבען מיר טונעלען, וואו מיר פיהרען דורך דיא רעהרען פון גאז, וואסערלייטונג און קאנאליזאציע, אין די טונעלען ליגען אויך די לייטונגען פון טעלעפאן און טעלעגראף. עס איז נאך דא גענוג פלאץ אויפנעהמען נייע דראהט־לייטונגען. אויבען פאהרט מען און אונטען ציהט זיך דער טונעל, וועלכער איז פערבונדען דורך רעהרען מיט איטליכען הויז. אין איטליכען הויז איז דא א גאנג אונטער דער ערד פאר אלע מיני רעהרען און דראט־לייטונגען. מען דארף ביי אונז ניט אויפרייסען דעם בריק, אויב מען וויל דורכפיהרען א נייע רעהר און זא ווייטער, איהר קענט אין דעם מיינע טייערע זעהען א צוגלייכענעס צו אונזער נייער געזעלשאפט. מיר זיינען ניט מחויב צו צוברעכען, ווען מיר ווילען איינפיהרען עפעס נייעס. די אמאליגע גרויסע שטעדט זיינען אויפגעוואקסען דורך א צופאל און זיינען געווען געבויט אהן א פלאן, גאז בעלייכטונג, וואסער לייטונג, קאנאליזאציע, עלעקטרישע לייטונג. איטליכע נייע איינפיהרונג האט געפאדערט, אז מען זאל אויפשניידען דעם בויך פון דער שטאדט. חוץ דעם האט מען קיין מאהל ניט געוואוסט גענוי אין וואס פאר א צושטאנד עס געפינען זיך די אלטע לייטונגסרעהרען ערשט ווען עס פלעגט טרעפען א שאדען אדער א אונגליק, פלעגט מען זיך כאפען דערצו, אז עס איז עפעס מכולה געווארען. מיר האבען אבער אויסגעמיידט די אלע חסרונות און דעריבער האבען מיר לכתחילה געבויט דעם טונעל אין מיטען פון די גאסען. דאס האט געקאסט גוזמאות געלד, דערפאר פערשפארען מיר אבער גוזמאות אונקאסטען. אז איהר וועט פערגלייכען די שטאדטיגע הוצאות פון חיפה מיט די הוצאות פון א ווין אדער א פאריז וועט איהר זעהען וויפיעל מיר שפארען איין א יאהר צוליעב די טונעלען אונטער דער ערד. אין די טונעלען ליגען אויך די טעלעפאנדראטען פון דער רעדעדיגער צייטונג, און די אייגענטהימער זיינען מחויב דעריבער צו צאהלען לויט זייער פערדיענסט נאך מיהענגעלד פאר דעם פלאץ וואס די שטאדט פערדינגט זיי. סוף כל סוף געהען דאך אבגאבען פאר טובת הכלל.

קינגסקאורט האט זיך מודה געווען:

‚הערענדיג אייערע רייד קריגט מען בושה פאר אייער נייער געזעלשאפט: פעם א קליינינקייט איהר פערווענדט נאך שמואל קאהענס עדעלשטיינער לטובת הכלל. איהר זייט א פערדארבענעם חזיר'ש פאלק! אויף אזא געדאנקען וואלט איך קיינמאל ניט געפאלען."

„אייערע שמייכעלווערטער שמעקען ביטער, הערר קינגסקאורט", האט דוד פריינדליך געזאגט — נאר אפשר וועט איהר אייער מיינונג בייטען, בשעת איהר וועט זיך מיט אונז נעהענטער בעקענען.'

פון מיינער זייט בין איך מודה, אז איך בין א אלטער חמור — איך פערלאנג אבער אז איהר זאלט דאס בעווייזען שווארץ אויף ווייס... און איצט פיהרט אונז צו אלע טייוואלים, אין טהעאטער."

— אין וואס פאר א טהעאטער איהר ווילט, הערר ליטוואק, — האט פריעדריך נאך צוגעלעגט.

—אזוי ווי איהר קענט זיך אליין ניט בעשליסען, רעכען איך, מיר וועלען זיך בעסער פערלאזען אויף דעם וואס אונזערע דאמען וועלען זאגען."

דערמיט זיינען אלע געווען איינפערשטאנען.

(פארטזעצונג פאלגט)

(פארטזעצונג פון פיידזש 5.)

אין פילאדעלפיא איז אויך דא די בעריהמטע אינסטיטוציע „קיבעצארניע", וואהין עס קומען זיך צוגויף די שרייבער און די כלל־טהוער די נאבלויפער און מיטשלעפער און מען רעדט ביז שפעט אין דער נאכט כמעט איבער די זעלביגע ענינים וואס אין ניו יארק, כאטש דא ווערט עס געטהאן מיט א ביסעל וועניגער היץ, מיט וועניגער פארביסענקייט.

פילאדעלפיא האט ביי זיך די אלע פארטייען, די אלערלייאיסטען אויף וועלכע דאס אידישע פאלק איז צוטיילט. עס פעהלט דארט, ברוך השם, גאר ניט.

גראד אין פילאדעלפיא געפינט זיך דער איינציגער אלגעמיינער טעריטאריאליסט וואס אמעריקא פערמאגט. דער טעריטאריאליסטישער בן־יחיד איז א גאנץ וואוילער איד, מיט א אויסזעהן א לא מענדעלזאן, און פאר די וואס ווילען וויסען, ווי עס געהט איהם, קען איך זיי אפגעבען א געריס, אז ער איז ברוך השם גאנץ געזונד, ער בעזוכט ציוניסטישע מיטינגען, און איז ניט געגען פאלעסטינא. אזוי האט ער מיר אליין געזאגט. אדרבא ואדרבא: ווען מען וואלט גאר פאלעסטינא וועלען געבען וועט פון זיין צד קיין מניעה ניט זיין. אזוי שלעכט איז ער ניט, דאך קיין ציוניסט קען ער נאך אלץ ניט ווערען. ער קען ביי זיך ניט פועל'ן, אפשר דאפיר ווייל איהם שמייכעלט דער פאקט, אז ער איז איבער גאנץ אמעריקא דער איינציגער אלגעמיינער טעריטאריאליסט — און ער וויל זיין א בן־יחיד.

ווי די זאך איז, ער איז נאך ניט קיין ציוניסט און אויב אונזערע עסטיניקעם האבען נאך ווען עס איז בדעה צו גרינדען אן אלגעמיינע טעריטאריאליסטישע פארטיי כדי זי זאל טהאן די דאזיגע ארבייט, וואס פאר קלאסענבעוואוסטע סאציאליסטען פאסט ניט צו טהאן, קענען זיי זיך נאך אלץ ווענדען אויף דער אלטער אדרעסע אין פילאדעלפיא.

אין פילאדעלפיא זיינען דא ציוניסטען אין א גאנץ פיינער צאהל. צווישען זיי געפינען זיך פיעלע גוטע אידען מיט אמת־ווארימע אידישע הערצער. איניגע זיינען שוין טעטיג אין דער ציוניסטישער בעוועגונג יאהרען און יאהרען און זיינען, גאט צו דאנק, נאך ניט מיעד.

מאנכע פון זיי אנהויבענדיג זעהר יונג האבען פאר דער צייט אנגעלעבט דערוואקסענע קינדער, וועלכע זיינען שוין אויך ציוניסטען און ציוניסטקעס. עס איז ממש א נחת צו זעהן ווי טאטע און זוהן, מאמע און טאכטער זיינען ביידע מיטגליעדער פון איין בעוועגונג, אפטמאל פון איין פעראיין. דאס קינד שעצט דעם פאטער און דער פאטער קוקט מיט פון פרייד איבערנאסענע אויגען ווי זיין קינד איז איבערגעגעבען צו דעם זעלבען אידעאל, וועלכען ער האט געדיענט.

— דאס איז מיין טאכטער — האט מיר נאך מיין רעדען א ציוניסט פארגעשטעלט זיין מיידעל — גאט זיי דאנק, ציוניזם איז אין דער פאמיליע, זי איז פערפעקט אין ציוניזם.

די טאכטער לאכט: פערפעקט? ווען נור מע רעדט וועגען פרויען בעט זיך ממש דאס ווארט: פערפעקט. ניין, ניט פערפעקט, נור זי איז א ציוניסטקע. ווי קען מען זיין אנדערש? פאר איהר ציוניזם דארף זי נאר דאנקען דעם פאטער. איצט פערשטעהט זי צו שעצען דאס אידישע פאלק, איהר פאלק, זי איז שטאלץ וואס זי איז א אידין. א, ווען די אידען זאלען נאר וועלען! ווארום ווילען די אידען ניט קריגען זייער לאנד? זי פערשטעהט ניט.

זי ווערט אויף א מינוט טרויעריג, און באלד ווייטער געשמייכעלט, און דעם פאטערס־אויגען גלאנצען און ווערען פייכטליך.

איך דערמאהן זיך אן דעם: והשיב לב בנים.

דעם לעזערס ווינקעל

ווערטהער הערר רעדאקטאר!

אזוי ווי א געוויסער מר. ריטענבערג איז געוועזן ביי אונז אין שוהל 10 סענט ענדריו סטריט און האט אונז געזאגט אז מיר זאלען ניט געבען דאס געלד פון די מלחמה קרבנות צו מר. וויינבערג, דארום פאדערען מיר, די קאמיטע פון שוהל, אויך אז איהר זאלט אונז ערקלעהרען וואס איז די אורזאכע דערפון, און מיר ווילען אז איהר זאלט צייגען דעם חשבון פון אלע געלדער.

פרידמאן 48 קענזינגטאן עוו.
גאלד 102 בעלוויו עוועניו.

ענטפער פון דער רעדאקציע.

די מאטיווען, פאר וואס מר. ריטענבערג האט עס אייך דערצעהלט, ווייסען מיר ניט. גיכער דארפט איהר זיך ווענדען צו איהם מיט דער פראגע, ווי צו מר. וויינבערגען. ער האט אייך דערצעהלט די געשיכטע, זאל ער אייך ערקלעהרען די מאטיווען.

וועגען א חשבון, קענען מיר אייך ערקלעהרען, אז די ביכער פונ'ם קאנפערענץ זיינען תמיד צו אפען פאר אלעמען, און יעדער איינער קען זיי זעהען, ווען ער ווענדט זיך אין אפיס פון דער קאנפערענץ 194 בעווערלי סטריט.

בעקאנטמאכונג

איך מאך בעקאנט צו אלע מיינע פריינדע און פאטראנען פון טאראנטא און אומגעגענד דאס איך אטענד צו ברית'ן און חתונות ווי אימער מיט די בעסטע צופריעדענהייט. איהר קענט מיר מעלדען אין הויז ווי אויך אין מיין שיפס־קארטען קאנטאר און איהר וועט זיכער צופריעדען געשטעלט ווערען ווייל מיין נאטור קענט איהר אלע איז צופריעדען צו שטעלען יעדען איינעם אויף'ן בעסטען ארט.

מיין אדרעסע איז 166 דזשאהן סט. טעלעפאן אין הויז ארעלייד 1545 און אין אפיס ארלייד 239.

רעוו. מ. קאפלאן
מוהל ומסדר קידושין
איך גיב מערידזש לייסענס פריי.

CANADIAN GOVERNMENT RAILWAYS
INTERCOLONIAL
PRINCE EDWARD ISLAND RY

באנעווענטשור יוניאן דעפא. מאנטרעאל.

אושען לימיטעד
נעהט אב 7.25 נאכטמאל
טעגליך

מאריטים עקספרעסס
טעגליך, אויסער שבת. 8.15 מארגענס
סליפערס פאר דער נאכטער רייזע.

מאסטראפא און האליפאקס

קאנעקשאן פאר סיינט דזשאהן, די סידניס
פרינס עדווארד איילענד, ניופאונדלאנד.
ע. טיפפין דזשענעראל וועסטערן אגענט
51 קינג סטריט איסט, טאראנטא. מיין 554

פערלאנגט

ביי אייער גראסערי
און הארדוועער סטאר.

SHINO
No. 9
STOVE POLISH
EDWARD HAWES & COMPANY
TORONTO

שינא סטאוו פאליש
— ווי אויך —
סיספלעקס שוה פאליש

כשר און ביליג און גוט

איך מאך בעקאנט צו אלע מיינע קאסטומערס גראסערים און אייזקרים פארלארס און דעליקאטעסען סטארס, אז אלע מיינע ווארשט וועלען פערקויפט ביליגער 2 סענט אויף דעם פונט אין קעיס. און איהר בעדארפט ניט צאהלען פאר אייער געלד קיין אינטערעסט. דאס זיינען די ווארעס: ווארשט, וויענערס, פראנקפורטערס, באלאגנא
ארדערס דעליווערט איבעראל מיט דער גרעסטער צופריעדענהייט
משה סאלקאוויטש, 694 ריטשמאנד סטריט וועסט. טעלעפאן אדעל. 1559

דר. מ. פיווניק

∴ דענטיסט ∴
קאר. קווין סט און ספאדיינא עוו.
טעלעפאן ארעלייד 4067
באנק פון האמילטאן בילדינג
Dr. M. PIVNICK, B. A. Sc.
Room 2

מ. מ. דייוויס

פאבליק אדיטאר
אדיטינג, סיסטעמאטייזינג און אינוועסטיגיישאן.
350 קאלידזש סט. טאראנטא
טעלעפאן קאלידזש 7632

Toronto Wet Wash Laundry Co. Limited

פערלירט ניט אייער געלד און געזונד. גיט אונז אייער לאונדרי, מיר וואשען פאמיליע וועש.
רעמפ 30 פונט — 75 סענט. ראף טרוקען, 30 פונט, 1 דאלאר. יעדער וואשינג ווערט געוואשען בעזונדער.
291 Arthur St.
Phone: Parkdale 5280 5281

קאנטאר וולאדאווסקי האט געמופט אין 62 בראנזוויק עוועניו.
דער טעלעפאן נומער איז דער זעלבער, וואס עס איז געווען.
דער גרעסטער אנטיסעפטיק מוהל
און דער מאדערנסטער מסדר קידושין אין טאראנטא

איז
קאנטאר וולאדאווסקי

רופט מיך און איבערצייגט אייך. קאנטרי לייט קענען מיך אויך אנגאזשירען פאר שמחות. מיין וואהנונג איז 62 בראנזוויק עוועניו, און מיין פאן נומער איז 1076 קאלעדזש.
פיר ארימע אומזאנסט.

טאראנטאר אידען

סייפט 75 סענטס און איין דאלאר יעדע וואך! ביי מאכענדיג אייער לאנדרי ראף דריי; אייערע העמדער און קאלארס לעבען לאנג און זעהען אויס קלאהר און שעהן ווען זיי ווערען אויסגעארבייט ביי עקספערטען אין ד
TABER LAUNDRY WORKS
444-46 Bathurst St.
Phone Col. 5143 8333

גאראנטירט די איינציגע אידישע ווינדא קלינינג קאמפאני

מיר אטענדען צו אלער האנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטאר קלינינג. בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך און יעהרליך. טעלעפאנירט 1 ארעלייד סט. איסט, פאן מיין 7391. ביי נאכט און זונטאג טעלעפאנירט קאלעדזש 4319.
New York Window Cleaning Co
1 Adelaide E

סטאוס, ריפערינג, און פורניסעס — צו ביליגע פרייזען
מאכט גאז און קוילען רענדזשעס
WESTWOOD BROTHERS
635 St. Queen W. Phone Adel. 1518

ספעציעל רום סיסטעם.
די וויליאמס

קארטיידזש און סטארידזש קא.
טעלעפאן קאלעדזש 252
דזשענעראל קארטיידזש אייזשענטס
368 ספעדיינע עוו. סטאראוט אנט. באגאזש, פיאנאס און אלע סארטען פארניטשור געמופט און געסטארד צו די ביליגסטע פרייזען. שטוב זאכען געפאקט און געשיפט פון עקספערט לייט.
וועערהייזער: 551 קווין סטריט וועסט. צוגעדעקטע וועגען. פלעזשור פליעס.
ל. י. רעדפערן.

דר. מ. קייטס

דענטיסט
218½ קווין סטריט וועסט
קארנער קווין און טעקעל סטריט.
DR. M. KATES, Dentist
218½ QUEEN ST. WEST
PHONE MAIN 979

ריעגען און לע ווערנוא

באריסטערס א. א. וו.
מעננינג טשעמבערס רום 112 ערשטער פלאר. טעלעפאן עדלייד 2436
REGAN & LE VERNOIS
BARRISTERS &C.
Manning Chambers,
Room 112, First Floor
Telephone Adelaide 2436

ווארשעווער אקושארקע
ענע ראסאנאווסקי

233 סימקא סטריט
טעלעפאן ערלייד 1543

פיר שמחות

ווען איהר מאכט א שמחה און דארפט ברענדים וויין אדער ביער, קומט צו דער גוט בעקאנטער פירמע
דזש. וו. רייען

188 קווין סט. וועסט. פאן מיין 106
א פולער ליין פון כרמל וויין און ברענדי אין סטאק.
אלע ארדערס פינקטליך אטענדעד

הארדוועיר און קאטלערי

דאס בעסטע פלאץ פאר אלע סארטען הארדוועיר, נעו פיקטשורס, [illegible] און גלאובס, עלעקטריק פיקטשורס, [illegible] קאלאויל היטערס, גלאז און קיט (פוטי) פיינטס און [illegible] א. ז. וו. ביי
G. H. IBBOTSON
343 באטהורסט סטריט
טעלעפאן קאלעדזש 6342

ONTARIO LAUNDRY CO. Ltd

זי — מיין לינדזשערי־וועש בעקומט ביי דער בעסטער אויפמערקזאמקייט.
ער: — יעס און מיינע העמדער און קאלערס בעקומען די שעהנסטע אבארבייטונג און אויסקוק וועלכע געפעלט מיר זעהר שטארק.
אנטעריא לאונדרי קא. לימיטעד
97 עדווארד סט. טעל. מיין 4821

די נאטורשעצע פון ניו אנטעריא

די נאטורשעצע פון נארטערן אנטעריא ווייסט איהר די פיעלע נאטורשעצע פון נארט אנטעריא מיט איהרע [illegible] אקער לאנד [illegible] וועלכע ווילען זיך בעזעצען אויף'ן לאנד.
ווייסט איהר דאס די [illegible] אקערקולטור לאנד וועלכעס מען קען דערהאלטען כמעט אין גאנצען פריי [illegible] אין דער וועלט.
פאר ווייטערע אויסקינפטע, פיר ליטעראטור וועלכע בעשרייבט דעם אויבענדערמאהנטען געגענד שרייבט צו:
ה. א. מעקדאנעלד
דירעקטאר פון קאלאניזאציאן
פארלאמענט בילדינג
טאראנטא, אנטעריא

פערלאנגט

פערלאנגט מענער צו לערנען דעם בארבער טרייד. עס פאדערט זיך איינינע וואכען בלויז. שטעלע גאראנטירט. טולס פריי. שרייבט פאר א קאטאלאג און איינצעלהייטען היינט. מאלער בארבער קאלעדזש 221 קווין איסט, טאראנטא.
The Moler Barber College
221a QUEEN STREET EAST

THE DAILY HEBREW JOURNAL
H. WINBERG, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
PUBLISHED BY
— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., LTD. —
67 Elizabeth Street Telephone Main 4582
SUBSCRIPTION RATES: $3.50 PER YEAR
SINGLE COPY 1c.
Entered as Second Class Mai Matter at G.P.O. Toronto, Ontario
January 22nd, 1913
TRADES UNION LABEL COUNCIL TORONTO 110

זיי האבען נעקענט, אבער ניט געוואלט

מיר האבען נעכטען אויף דיעזען פלאץ געשריעבען וועגען פעררעטה פון דער קאנאדער ציוניסטישער פעדעראציע. מיר וועלען זיך נאך אין די קומענדע עטליכע טעג אומקעהרען, און ערקלעהרען, ווארום די פעדעראציע פיהרער איז לייכט געוועזען אויפצוהעצען, אז זיי זאלען אויפנעהמען דעם קאמף געגען פערבאנד. היינט ווילען מיר אויף דיעזען פלאץ רעדען וועגען דער האנדלונג פון די היגע ציוניסטען, וועגען בעשלוס פון אונזער היגען ציון־קאונסיל.

אז דער קאמף ווערט אנגעפיהרט געגען פערבאנד, ווייל אויף דער שפיצע פון איהם שטעהט ראובן בריינין, דאס זענען די מעהרסטע היגע ציוניסטישע פיהרער מודה. זיי גיבען אויך צו, אז דיעזער פערזאנענקאמף איז שעדליך, און וועט ברענגען רואינע דער גאנצער זאך, און מען דארף זעהען צו ארבייטען פאר איין קאנווענשאן. זיי גיבען אויך צו, אז אזוי ווי דער קאמף האט זיך אנגעהויבען אין מאנטרעאל, דארף מען איהם זעהן דארטען צו שליכטען, און אלע אנדערע אידישע שטעדט דארפען פאדערען פון מאנטרעאל, סיי פון פערבאנד און סיי פון דער פעדעראציע, צו געפינען א וועג, אז בלויז איין קאנווענשאן זאל גערופען ווערען.

אזוי גיבען זיי צו, אבער בלויז פריוואט, קומט עס אבער צו די אפיציעלע פערזאמלונגען, פערגעסט מען אין אלעס, און פונקט ווי דיסציפלינירטע סאלדאטען שרייט מען נאך "אמן".

און די טאראנטאר ציוניסטען האבען דיעזען ברודער־קאמף געקענט פערמיידען, ווען... ווען די אידישע אינטערעסען וואלטען זיי באמת געוועזען נאהענט צום הארצען.

די טאראנטאר ציוניסטען זענען די שטארקסטע, גרעסטע און איינפלוסרייכסטע קערפערשאפט אין דער פעדעראציע, מיט איהרען א בעשלוס וואלט זיך די פעדעראציע געמוזט רעכנען, און וואלט דער היגער ציוניסטישער קאונסיל שטרענג געפאדערט פון דער פעדעראציע, אז זיי פערלאנגען איין קאנווענשאן, וואלטען יענע לייטע אין מאנטרעאל געמוזט ענטזאגען זיך פון זייער שווערדען־קאמף, און וואלט מען נאר געזוכט א וועג פאר פעראייניגונג, וואלט שוין אזעלכער געפונען געווארען.

דער ציוניסטישער קאונסיל פון טאראנטא, איז געוועזען דאס געוויכט, וועלכעס האט געקענט איבערוועגען, אז צו קיין ברודער־קאמף זאל ניט קומען. זיי זענען געשטעלט געווארען צו א פראבע, צו דער ערשטער פראבע, ביי וועלכער עס האט זיך ניט געהאנדעלט וועגען מאכען א קאנצערט, אדער אראנזשירען א שקל־טאג, נור וועגען אידישע אינטערעסען, און זיי האבען געצייגט, מיט דער אויסנאהמע פון עטליכע דעלעגאטען, אז זיי זענען ניט ראוי צו זייער אמט, און בעזיצען א אידיש הארץ, און אויך ניט אלס ציוניסטען, ווייל ציוניזם פראקלאמירט הויך די אידישע אחדות, די אידיש עאיניגקייט, און זיי האבען גאר געהאלפען צו א ברודער־קריעג. זענען געוועזען יענע, וואס האבען עס געקענט פערמיידען, און האבען עס ניט געטהון, און האבען נאך פראקלאמירט די יעניגע, וועלכע זאגען צו ערקלעהרען, אז די פעדעראציע האנדעלט ניט ריכטיג, אלס פעררעטהער צום ציוניזם.

איוב צווישען די היגע ציוניסטען זענען דא פעררעטהער צו זייער פארטיי, צו זייערע אידעאלען, זענען עס ניט די, וועלכע האבען פראקלאמירט, דעם פרינציפ אז די קאנאדער אידען דארפען האבען איין קאנווענשאן נור די יעניגע, וועלכע העלפען דורכפיהרען די ארבייט פון דער פעדעראציע, וואס וועט אייביג בלייבען, א פלעק אויפ'ן קאנאדער ציוניזם.

די טאראנטאר ציוניסטען האבען געקענט פערמיידען דעם קאמף, און זיי האבען עס ניט געטהון, און אויף זייער חלק וועט ממילא אויך פאלען א טהיל פון דער שולד. זיי האבען געקענט זייער אייגענער פעדעראציע ראטעווען פון שאנדע, ראטעווען פון ניט צו וועלען שטייגען אויפ'ן כבוד־לייטער, איבער די געטויטעטע אידישע גופים. זיי האבען עס געקענט טהון לייכט. זיי האבען עס אבער ניט געטהון.

זיי האבען זיך נאכגעשלעפט נאך יענעם עלעמענט, וואס שטערט די ארבייט, נאך יענע מענשען, וועלכע שפייען אין פנים די פאלקס־מאסען, און עס וועט ניט נעהמען לאנג, און זיי וועלען אויסגעפינען, אז זיי ווערען געשטרויכעלט אין זייערע אייגענע שטיינער, זיי וועלען אויסגעפינען, אז די גאנצע 18 יאהר, וועלכע זיי האבען געארבייט צווישען פאלק, פערשפרייטענדיג צווישען זיי דעם ציוניסטישען געדאנק פון נאציאנאלער אויפלעבונג, איז מיט אמאהל די גאנצע ארבייט פאר זיי פערלוירען געגאנגען, און די אידישע פאלקס־מאסען וועלען זיך אומקעהרען צו זיי מיט'ן רוקען. דאס העכסטע וואס זיי קענען דערגרייכען, איז עטליכע "יאהרדים" פון אונזער "אפטאון", וועלכע וועלען זיי העלפען שרייען "הורא", דער ברייטער אידישער המון אבער וועט זיך אבווארפען פון די יענע לייטע, וועלכע האבען ביי אידישע קברים געזוכט פערזענליכען כבוד און קריוודעס.

אין זיי האבען עס שוין דערפיהלט ניט נאר די ניט־ציוניסטישע וועלט איז ארויסגעטרעטען געגען זיי, נאר זייערע אייגענע ארגאניזאציעס, זייערע אייגענע ציוניסטישע אגודות, האבען ערקלעהרט, אז זיי וועלען ניט געהען צום ציוניסטישען קאנווענשאן, מעג אפילו די פעדעראציע זיי אויסשליסען און צוריק ציהען דעם טשארטער.

זיי האבען געזייט ווינד, און יעצט שניידען זיי שטורמווינד, דער היגער ציון קאונסיל האט די שפאלטונג צום לעבען געבראכט, א שפאלטונג, וועלכע ער האט געקענט פערמיידען, און ער דערפיהלט שוין דיא ערשטע רעזולטאטען, איינ'ס ענטפער פון זיינע אייגענע ארגאניזאציעס.

אבער עס איז נאך ניט צו שפעט.

האט גענוג מוטה, און ערקלעהרט אז איהר האט געמאכט א טעות, און זעהט דעם טעות צו פערריכטען.

נאך איז צייט, אז איהר זאלט בעאיינפלוסען אייער פעדעראציע, אז זי זאל ארבייטען פאר איין קאנווענשאן.

וועט איהר דאס טהון, וועט עס צייגען, אז איהר בעזיצט א געפיהל פאר די אידישע צרות.

וועט איהר דעם טעות פערריכטען?

דעם ענטפער לאזען מיר אייך.

דאס אייז געבראכען

אין אונזערע נייעס קאלומס האבען מיר נעכטען שוין געמעלדעט, אז דער טריידס און לייבאר קאנגרעס, וועלכער איז אבגעהאלטען געווארען [illegible] דענס־קאנפערענץ פאדערען פאליטישע און ציווילע רעכטע פאר אידען אין די לענדער, וואו זיי האבען עס ניט.

די רעזאלוציע איז אנגענומען געווארען א דאנק דער מיה פון דער טאראנטאר אידישער ארבייטערשאפט, און זי מעג שטאלץ זיין מיט'ן רעזולטאט. דעם טריידס און לייבאר קאנגרעס, די העכסטע אינסטאנץ פון דער קאנאדער ארבייטערשאפט, האט מען בלויז געקענט אלס א געגנערין פון איינוואנדערונג. דעם ערשטען מאהל אין איהר געשיכטע האט זי אבער געצייגט, אז זי פיהלט מיט, ניט נור די לוין־אונטערדריקטע נאר אויך די אונטערדריקטע פעלקער, און דאס שטעלט איהר אהועק אויף א בכבוד'ן פלאץ צוזאמען מיט דער בעוואוסטזיניגער ארבייטערשאפט פון דער גאנצער וועלט.

דאס אייז, וועלכעס האט פערשטעלט פאר אונז די ברייטע קאנאדער וועלט, אז זי זאל עטוואס זאגען וועגען די אידישע צרות, איז ענדליך דורכגעבראכען געווארען. אמת, דערווייל בלויז אינ'ם ארבייטער־לאגער. ביי א קליינער אנשטרענגונג אבער, וועט די כינעזישע וואנד פון דער בירגערליכער וואנד געשטירצט ווערען, און מיר קענען האפען, אז די עפענטליכע מיינונג פון קאנאדע וועט אונטערשטיצען די אידישע אינטערעסען.

דער וועלט'ס פיינסטע טהעע
"SALADA"
טעה צו וועלכע קיין אנדערע קען זיך ניט גלייכען, צוליעב איהר דעליקאטען געשמאק, און איז ריכטיג, אין גוט ארום און ארום.

קהלת

(סוכות געדאנקען)
(ספעציעל פארן "אידישען זשורנאל")
פון אב. גאלדבערג

אין אונטערשיעד צו דער בודהאיסטישער רעליגיאן, וועלכע איז בעקאנט אלס א פעסימיסטישע, אלס אן אמונה, וואס ווייזט דעם מענשען זיין צופריעדענהייט אין דעם "ניכטס", אין זיין ניט זיין, איז די אידישע רעליגיאן, פערקעהרט, בעריהמט מיט איהר אפטימיזם, מיט איהר העלען בליק אויף דעם יוניווערזום, סדר לעבען און פאסירונגען.

דאס אידישע פאלק, דער שעפפער פון דעם אפטימיסטישען גלויבען איז בעקאנט אלס אפטימיסטישעס פאלק, אלס פאלק וואס קוקט מיט ראזע ברילען אויף דעם לעבען.

די פראגע: צדיק ורע לו רשע וטוב לו, וועלכע האט געפלאגט אלע גלויביגע מענשען פון אלע דורות, האט פערשטעהט זיך אויפגעטויכט און ניט צו רוה געלאזט אין א געוויסער צייט אויך די דענקער פון אידישען פאלק. דאס איז אבער קיינמאל ניט געווארען פאר זיי א טראגישער פאל פאר, וועלכען עס איז ניטא קיין לעזונג, איז קיין מאל ניט געווארען דער אויסגאנגס פונקט פאר זייער וועלט בעטראכטונג.

אדרבא, א שנוי אין סדר, וועלכער ווארפט כביכול א שאטען אויף דער השגחה, אז זי האט טעות געווען דעם דין איז בלויז אן אויסנאהמס פאל, און דאן איז אויך דאס נאך ניט קיין בעווייז אז עס איז ווירקליך געמאכט געווארען א פעהלער, ווייל דעם מענשען דוכט זיך אזוי אויס, ווארום דער אמת איז כי גבהו דרכי מדרכיכם ולא מחשבותי מחשבותיכם — די השגחה האט זיך איהרע וועגען, איהר גערעכטיגקייט מאס, וואס דער בעגרענצטער מענשליכער שכל קען גאר ניט תופס זיין.

די צוויי פעסימיסטיש אנגעהויכטע ווערק וועלכע זיינען אונז געבליבען פון דער אלטער צייט זיינען איוב און קהלת, און ביידע זיינען מעהר א בעווייז ווי ווייט דער פעסימיזם איז געוועזען שוואך אונטער אידען ווי עפעס.

איוב איז גיכער פון אלץ אן אפטימיסטישעס ווערק, ווארום נאך אלעמען לאזט זיך דארט אלץ אויס צום גוטען: איוב דער צדיק ווערט בעלוינט פאר זיינע מעשים, פאר זיינע ליידען און אומזיסטע פורעניות. נאך מעהר דער מחבר פון ווערק, לאזט אונז דאך פריהער אין פראלאג וויסען אז גאט האט דאס אלץ געטהאן בלויז אויסצופראבירען איוב'ן, און ניט מעהר, די אלע טענות וואס איוב זוכט אויף געגען דער השגחה מאכען שוין מהאי טעמא, אויף דעם לעזער קיין ווירקונג, ווייל ער ווייס דאך, אז דאס איז נור א פראבע, א נסיון. דער מוסר השכל פון איוב איז נעמליך, אז ווי שלעכט עס זאל א מענשען ניט געהן דארף ער דאס אננעהמען פאר גוט, ווייל ער קען ניט וויסען וואסער א שפיעל די השגחה שפיעלט מיט איהם, "כל מה דעביד רחמנא לטב עביד!"

קהלת ווידער איז שוין מעהר פעסימיסטיש, זיין פעסימיזם האט ער אבער, ווי עס שיינט, אלס אריסטאקראט זיך אבגעלערנט פון די גריכען; זיין אידישע אפטימיסטישע נאטור האט אבער פראטעסטירט געגען דער פרעמדער לעהרע, און געפאדערט איהרס; דאס ערקלעהרט די ווידערשפרוכע אין דעם ספר'ל, אין וועלכען אט געפינט איהר מורא'דיגען יאוש, און אט גרענצענלאזע האפנונג; די ביידע יסודות שטעהען אייגענטליך ביידע בעין, ניט דורכגעמישט. קיין טיעפער פעסימיזם איז דארט אלענפאלס ניטא, עס איז דאריבער קיין וואונדער ניט וואס די חכמים האבען דעם ספר אריינגענומען אין די "פיער און צוואנציג" און ניט פערמשפט איהם "לגניזה".

די מדה פון אפטימיזם איז געווארען א נאציאנאלער שטריך, וועלכער האט אנגעהאלטען דורך די אלע דורות, און האלט נאך אן עד היום. אין דער גאנצער צייט זיינען אידען פערטרעטער פון געזונדען אפטימיזם, פון דעם גלויבען אין דעם זיעג פון יושר, פון דער ריכטיגקייט פון דער יצירה און פון דעם שעפפער, פון גלויבען אז דאס מענשליכע גליק און זיין אויסבעסערונג ליגט פאר איהם אין דער אויפגעהענדער צוקונפט און ניט אונטער איהם אין דעם האלב דונקלען פרימיטיווען עבר.

דער אידישער אפטימיזם איז געוועזען ניט נור אינדיווידועל נור אויך נאציאנאל, דאס אידישע פאלק אלס א פאלק איז אימער געווען אפטימיסטיש. אין דער גרעסטער עת צרה האט עס ניט פערלוירען זיין האפנונג פאר בעסערע צייטען. עס האט פיעל צו פערדאנקען זיין עקזיסטענץ דעם אפטימיסטישען געפיהל. ניט מיט זיין געגענווארט האט זיך דאס פאלק געקענט בעפריעדיגען, די געגענווארט איז געווען צו גרויזאם, זיין לעבען צו טרויעריג, א בלייערנער הימעל האט איבער זיין קאפ תמיד געהאנגען און צו שטיקענד איז געווען די אטמאספערע — געטרייסט האט איהם די צוקונפט, דיא האפנונג אין זיין שעהנעם מזל וואס ליגט פאר איהם פערבארגען אין דעם הארץ פון דעם אויפגעהענדען מארגען. ער האט איבערשפאנט די ניט־שעהנע, די מיוזראבלע געגענווארט און צוזאמענגעבונדען דעם פאדעם פון דער שעהנער צוקונפט און דעם פאדעם פון דער שעהנער פערגאנגענהייט. אין די צוויי וועלטען האט ער געלעבט, פריי געאטהעמט און זיך מיט כחות אנגענומען דורכצולעבען דיא מיאוסע וועלט אין וועלכער ער איז דערווייל געצוואונגען געווען צו לעבען.

דער גרויסער אפטימיזם בנוגע דער שעהנער צוקונפט האט איהם אויף איין מינוט ניט געלאזט שלום מאכען מיט דעם גלות. פערקעהרט, דער אפטימיזם אין בעצוג צו דער צוקונפט האט אין איהם דעם שטארקען פעסימיזם געוועקט בנוגע דער געגענווארט און עס איז דער פעסימיזם וואס האט אלע מאהל דאס פאלק אויפגעהויבען געגען זיין געגענווארט צו זוכען אן אויסגאנג. א דאנק איהם זיינען דאס ענטשטאנדען די משיח'שע בעוועגונגען, און די אלע פרייהייטס אויסערונגען.

דער פעסימיזם צו דער געגענווארט איז אן ארגאנישער בעשטאנד טהייל פון דעם אידישען אפטימיזם זעהר א נויטיגער יסוד וואס מאכט דעם גאנצען אפטימיזם פרוכטבאר. אהן איהם וואלט דאס פאלק אפשר איינגעשלאפען און פערגליווערט געווארען אין זיין אפטימיזם. דער אפטימיזם וואלט איהם בלויז געדיענט אלס א מין אפיום, אלס צויבער־וועלט צו בערוהיגען אויף א מינוט דעם אויפגערעגטען גייסט. ער וואלט אבער קיינמאל אין קיין געזעלשאפטליכען כח ניט געקענט פערוואנדעלט ווערען.

דער ציוניזם ווי אן אמת'ער אויסדרוק פון פאלקס גייסט, פון זיין פרייהייטס שטרעבען פערמאגט אויך די ביידע עלעמענטען. פון איין זייט גרויסער אפטימיזם, א שטארקער גלויבען אין דער צוקונפט פון אידישען פאלק, און פון דער אנדערער זייט א גרויסער מיסטרויען צו דער געגענווארט, און איינס איז משלים דאס אנדערע.

דער מיסטרויען צו דער געגענווארט ציהט זיך ווי א רויטער פאדעם אין דעם גאנצען גלות לעבען. דאס פאלק פלעגט זיין גלויבען אין משיח, עס האט אבער אזוי ווייניג ליעבע צו זיין געגענווארט, אז אין זיין פאנטאזיע מאהלט עס זיין משיח'ן אלס איינעם וואס שטאמט פון גבר, א מוכן ועומד, משיח בן דוד, זיין יחוס שטאמט פון דער גאלדענער קייט, פון "מלכות בית דוד" דער משיח שטעהט אין קייטען געבונדען, ווייל דער דור איז ניט זוכה, ער איז שוין אבער דא.

משיח איז לויט דעם אידישען בעגריף, דער איבער־מענש, וועלכער וועט דאס איינפיהרען די ממשלת הצדק. ער קומט צו אלער ערשט רעטען זיין פאלק פון זיינע פיינגער און פיהרען איהם אין זיין לאנד, דאך האט דאס אידישע פאלק זיך ניט געקענט פארשטעלען קיין פאלקאמענעם גליק, ווען הנאה וועט פון דעם האבען ער אליין.

דער בעגריף פון משיחיות איז פאר דאס אידישע פאלק געווען א נאציאנאל־יוניווערסאלער בעגריף. דאס פאלק איז א טהייל פון דער גאנצער מענשהייט, א טהייל וואס ווערט אפילו באלף לא בטל, דאך האט דאס פאלק חובות צו דער גאנצער מענשהייט, צו דער פעלקער משפחה. די אידישע פאנטאזיע שטעלט זיך דעריבער פאר ווי אזוי ירושלים וועט ווערען דער גייסטיגער צענטער פאר השפעה פאר דער גאנצער וועלט.

דאס שטימט אין גאנצען איין מיט דעם בליק פון אידישען פאלק אויף דעם לעבען בכלל.

דער יחיד לעבט ניט אין גאנצען פאר זיך נור אויך פאר דעם כלל, דער כלל זאל אבער ניט אנשלינגען דעם יחיד. אויך ער האט רעכטע, וואס זיינען הייליג און טארען ניט איבערטרעטען ווערען. אין דעם הינטערגרונד פון כלל זעהט די אידישע לעהרע דעם יחיד, און זי זוכט צו מאכען דעם סינטעז צווישען די צוויי שטרעמונגען.

דעם סינטעז האט זי אויך געזוכט צו געפינען צווישען דעם וואונש פון יעדען איינצעלנעם פאלק צו אויסערען זיין אייגענעם ווילען, זיין אייגענעם איך און דעם שייכות פון פאלק צו דער גאנצער פעלקער פאמיליע.

אין דיעזען סינטעז האט דאס פאלק געפונען אין דעם וואס עס האט ירושלים, די רעזידענץ פון אידישען רייך, זיך פארגעשטעלט אלס די צוקונפטיגע מעקקא, וואוהין אלע גייסטעס הונגעריגע און גאטעס ווארט דורשטיגע וועלען קומען זייער הונגער שטילען און זייער דורשט לעשען.

דיעזע שעהנע האפנונג האט עס אויפגעהאלטען דאס אידישע פאלק. ניט יבנה, דער פאקט, נור ירושלים די פאנטאזיע, דאס פאנטאסטישע ירושלים, וואס איז געוועזען גרויס אמאל און בעדארפט ווערען נאך גרעסער שפעטער, האט איהם ניט געלאזט צופריעדען ווערען מיט קיין יבנה. זיינע הנחות! ניט קליינגעלד, נאר דאס גאנצע רענדעל, דאס אידישע פאלק איז געשטאנען אויף זיינם — ירושלים.

אין די מורא'דיגע צייטען, ווען די אידישע וועלט איז געוועזען פערטרונקען אין איהר אייגען בלוט, האט צום פאלק געוואונקען דאס אויף דעם הויכען בארג געשטעהענדע ירושלים, איינגעהילט אין איהר פאעטישער שעהנהייט, אין איהר מיסטישען גלאנץ, און יעדעס מאל אויף דאס נייע האט אנגעהויבען בליהען די האפנונג אין זיין צושטערטען שטאלץ ווייטער צו לעבען און דאס פאלק האט זיך געטרייסט און זיך ניט אונטערגעגעבען.

דור נאך דור, צייט נאך צייט האט דאס אידישע פאלק טיעף אין הארצען געטראגען און געשיצט זיין האפנונג און ניט שלום געמאכט מיט דעם גלות. עס האט זיך ניט געקענט מיט זיין צוקונפטס גליק בעשיידען.

הייליג איז פאר איהם געוועזען די נביאים'ס הבטחה, וועלכע האט געלעבט אין זיין הארץ, די נביאים וואס זיין פאלקס געניוס האט ארויסגעבראכט.

דאס פאלק האט געליטען ליידעט און ליבט, ליידעט און האפט, ליידעט און טרייסט זיך; דאס פאלק האלט ניט דאס אויג אויף דעם גראז צו זעהען וואוהין דער ווינד קומט.

דאס פאלק האלט די אויגען אויף זיין לאנד וואו עס שלאגט די גרויסע האפנונג וואו עס לעבט די גרויסע הבטחה, אז "אף אם יאחר זה היום, אך בא יבא".

פריהער אדער שפעטער, עס וועלען זיך ווייזען בייזע גייסטער און גוטע, א מלך וועט אויפשטעהן א מלך וועט אונטערגעהן — די אידישע האפנונג איז אייביג. רעזשימען וועלען זיך בייטען, — די אידישע פרייהייט וועט קומען, און מיט דעם לעצטען איד וועט לעבען די האפנונג.

עוזר. דלים הושיע נא.

.:.

פון ה. א. שובין.

אלע מאהל ווען איך קום שמחת תורה אין שוהל, און איך זעה ווי דער ארימער איד, וועלכער ווייס ניט א גאנץ יאהר פון טאג און פון נאכט און עס איז מעגליך אז ער האט טאקע ניט צו מארגען נאך יו"ט א סענט אפילו ביי זיך אויף רעההוצאה, און דער וועלכער "ארעמאן ווען ער קומט אין שוהל פארגעסט ער אויף דער גאנצער ארעמקייט זיינער און טאנצט מיט דער תורה פונקט אזוי פרעהליך און לוסטיג ווי דער גרעסטער גביר, און טאקע נאך מעהר קומט ביי מיר ארויף א פראגע, האט דען ניט געקענט געפינען יענער וועלכער האט צוזאמען געשטעלט די פראגראם פאר דער שמחת תורה נאכט צו זאגען עפעס אנדעריש ביי די הקפות, עפעס א פרעהליכעס, ווי צום ביישפיעל "אתה בחרתנו" אדער "ישמח משה" ניט דעם "עוזר דלים", האט זיך דען ווייניג אנגערעדט דער ארעמאן מיט'ן רבונו של עולם וועגען זיין ארעמקייט אין דיעזע עטליכע וואכען? האט ער איהם ווייניג געבעטען אין די ימים נוראים? און יעצט איז דאך שוין אפילו נאך הושענא רבה, עס איז שוין אנגעשריעבען און אונגעחתמעט מיט'ן לעצטען זיגעל, היינט צוא וואס דארפען אין דיעזער נאכט וואס דער ארעמאן אליין וויל פארגעסען חאטש אויף א ווייל'ע זיין ארעמקייט אריינשפארען איהם ווייטער אין מויל דעם עוזר דלים? איבערהויפט ווי קומט דער עוזר דלים וואס האט געדארפט זיין אין סליחות נאר אין הקפות?

און טראכטענדיג וועגען דעם, געהט אין מיינע געדאנקען פארביי דער גאנצער חודש תשרי, וועלכער איז ניט גלייך צוא קיין חדש. ווען עס קומט אן דער חדש ניסן ווייס דער איד אז אין דיעזען מאנאט איז יום טוב און ער גרייט זיך לעבען א גוטען טאג, אזוי איז אויך דער חדש סיון, אב, ווייסט דער איד אז דאס איז א טרויעריגער חודש, א חודש פון וויינען און טרויער, אבער ווען עס קומט אן דער חודש תשרי דארף זיך דער איד אנגרייטען צו מלחמה און צו בקשות, צו פרייד און פאסטען, עס איז א כל־בו חודש, א משונה'דיגער חודש פון גוט און שלעכט, האפנונג און פערצווייפלונג, וויינען און טאנצען, אומעט און פרייליכקייט, עס איז עפעס א מיש־מאש חודש, וואס איין טאג איז די גרעסטע מצוה צו עסען און טרינקען. און אויף מארגען איז עס א שרעקליכער פערברעכען.

סוכות ווען דער איד וואלט שוין יא אביסעל פרייער געווארען נאך די ימים נוראים, דארף ער גאר די בעסטע צייט פון עסען פערבריינגען אין סוכה אין נאסקייט און קעלט, און אויף פערבייסען האט מען איהם נאך אריינגעשפארט אן "עוזר דלים" ער זאל חס ושלום ניט פארגעסען וואס ער איז.

עס איז א סימבאל פון דעם גאנצען אידישען לעבען, זייט זיי זענען ארויסגעטריבען געווארען פון זייער לאנד, דאס גאנצע לעבען פון אידישען פאלק פאר די לעצטע אכצעהן הונדערט יאהר, איז א לאנגע קייט פון גוט, שלעכט, ליכטיגקייט פינסטערניש האפנונג און פערצווייפלונג.

ווען די זון געהט אויף איין זייט ווערט ליכטיג, רוקט זיך פון דער אנדערער זייט א שווארצער וואלקען וואס ארום דאס פאלק האפנונגסלאז. ווידער הויבט זיך אן אפצוגעהען פאר זיי די זון, און ווידער פערגעהט זי.

אט האט זיך דיעזער יאהר אנגעהויבען מיט א שטראהל האפנונג פאר די אידען אין רוסלאנד, האט זיך אבער באלד בעוויזען א שווארצער וואלקען פון גרושים און פאגראמען, עס האט זיך בעוויזען א שווארצער וואלקען פאר די אידען אין פאלעסטינא, האט זיך אבער פון דער אנדערער זייט בעוויזען די שטראהלען פון דער זון מיט דעם, וואס די גרעסטע דיפלאמאטען האבען צוגעגעבען אז בעת'ן פריעדענס קאנפערענץ וועט פאלעסטינא געגעבען ווערען צו אידען.

עס איז געווארען ליכטיג מיט דער קאנגרעס בעוועגונג און עס האט זיך גאר ניט געקענט גלויבען אז אימיצער זאל זיין קעגען דעם, ווארום וואס קען זיין נויטיגער פאר'ן פאלק ווי אזא זאך אזא קאנגרעס האט דאך נאך געדארפט בעשאפען ווערען מיט יאהרען, נאך פאר דער מלחמה, ווי באלד אבער פון איין זייט איז געווארען ליכטיג, האט זיך פון דער אנדערער זייט בעוויזען א וואלקען אין געשטאלט פון דער "דזשואיש קאמיטע", וועלכע וויל אויפצייגען מיט פשט'לעך און דריידלאך, אז דער קאנגרעס קען חס ושלום ברייננגען דעם גרעסטען אומגליק אויף דעם אידישען פאלק.

אט אזוי איז שוין דאס אידישע לעבען, פון איין זייט זון, פון דער צווייטער זייט וואלקען, און אפילו ביי די פרעהליכע הקפות, מוז מען אויך זינגען ניט קיין אנדער ליעד ווי עוזר דלים הושיעה נא.

Gentlemen,
The
King!
Regal

Regal
SPELL IT BACKWARDS

א ריגאל טאוסט איז א
ריגאל געטראנק

פאסענד פיר קעניגע און קעניגינס

קאנעדיען בארלי און האפס
קאנעדיען באטטעלס, קייסעס און באררעלס
קאנעדיען סטאפערס און לייבעלס
קאנעדיען ריינליכקייט און זויבערקייט.

דזשענטלמען, דער קעניג פון לאגער איז
ריגאל

THE HAMILTON BREWING ASSOCIATION LIMITED
HAMILTON, CANADA

דאס לעצטע מאהל

דערצעהלט לכבוד סוכות פון א פערבלאנזשעטען אידען

דאס איז געווען, ווען איך בין דאס לעצטע מאהל אין מיין שטעדטעל געקומען און געקומען בין איך אהיים ניט דערפאר וואס איך האב זיך חלילה פערבענקט געוואלט צוריקקעהרען זיך און, א ענטוישטער, צובראכענער, נעהמען תשובה טהאן ווי פיעלע האבען דאן געטהאן. ניין איך בין נאך דאן ניט געווען ענטוישט. מיינע אידעאלען זיינען נאך דאן ניט געווען אויסגעלאשען געווארען. איך האב נאך אלץ געגלויבט אז די גאנצע וועלט איז מיינע, און אז איך דארף קעמפפען פאר איהר בעפרייאונג און האב דאן נאך שטארקער ווי אימער געהאסט די גהעטא, איהר שמוציגקייט, ענגשאפט און אבגעשטאנענקייט. איך האב ניט געוואלט זיך צוריקקעהרען, איך האב נאך מיין קליין שטעדטעל וואס איז נאך אלץ געשטאנען ווי מיט הונדערטער יאהרען צוריק, פערגליווערט, ניט געבענקט, איך האב ניט געזעהען, ניט געוואלט זעהן. ווי הונדערטער אנדערע פון דער דאמאלסדיגער אידישער יוגענד, דעם "ראמאנטישען הימעל", איך האב אלץ געשריען: פינסטערניש איז אומעטום, פינסטערניש, און עס דארף פערטריבען ווערען.

אבער דאן בין איך אין מיין שטעדטעל געקומען, ווייל, ווייל — (אפשר איז עס געווען אן אונפערצייהליכע שוואכקייט פון מיין זייט!) איך האב געוואלט צוליעב טהאן מיין אלטען זיידען, דעם 80 יאהריגען אידען מיט דער גרויסער ווייסער בארד, מיט די שטרענגע ברעמען און מיט דעם נאך ניט אין גאנצען אויסגעלאשענעם פייערעל אין די בלויע אויגען. איך האב ניט געקענט פערטראגען דאס רחמנות פון מיינע אלטע זיידע־באבע, שוין צופיעל עלענד און צער האט געוועהט פון דעם זיידענס בריוועלע, וואס איך האב ערהאלטען פאר סוכות — און איך האב זיך איין מאל, דאס לעצטע, אונטערגעגעבען און בעשלאסען צו פאהרען צום זיידען אויף סוכות.

אנגעקומען בין איך אין שטעדטעל צו ליכט בענטשן. דעם זיידען האב איך אין הויז ניט געטראפען: ער איז געווען אין שוהל. די באבע אליין איז געווען אין הויז. די אלטע גוטע מוטער מיינע האט מיך דערקענט נור אין קול און ווען איהר ערשטע פרייד איז אריבער, האט זי מורא האבענדיג צו פרעגען מיך, צו איך וועל געהן דאווענען און דערלאנגענדיג מיר עפעס אויף גיך איידער דער זיידע קומט אן, איבערצוכאפען, גענומען אויסרעדען פאר מיר איהר ביטער הארץ, און שטיל מיט צער אין איהר אלטער געבראכענער שטימע מיך געפרעגט:

— זאג זוהנעניו, מיט וואס, מיט וואס האבען מיר זיך ביי דיר פערזינדיגט וואס דו ווילסט פון אונז ניט הערען, פארגעסן דיין גוטען זיידען, דיין געטרייע באבע, וואס האבען דיר פארביטען דיינע יונגע געשטארבענע טאטע מאמע?

איך האב גאר ניט געקענט ענטפערען דער באבען, אבוואהל דאס הארץ האט אזוי געקלעהמט אויסמיטלייד צו דיזער אלטער פרוי, וואס האט פערבראכט איהר לאנגען לעבען גאט, ווייסט פארוואס און צוליעב וועמען.

— אבער זוהנעניו, האט מיך ווייטער געבעטען די באבע, זאלסט זיך ניט שפארען מיט'ן זיידען... ער איז זעהר בייז אויף דיר — פערשטערט ניט חלילה דעם יום טוב.

ווועסט דאך מסתמא געהן מיט אונז אין סוכה? האט די באבע גענומען מיך אויף זיכער.

איך האב געקוקט אויף דער אלטער גרויסער און עלענדער אידענע און געשמייכעלט. דאס האט געזאלט זיין א סמן אז איך וועל זעהען ווי ווייט מעגליך ניט צו פערשטערען דעם יום טוב.

באלד האבען זיך דערהערט לייכטע טריט און א הייזעריג אונטערברומען. דער זיידע איז געקומען פון שוהל. ווען ער איז אריין אין דעם פאדערשטען צימער, וואו איך און די באבע זיינען געזעסען, האט ער מיך צוערשט ניט בעמערקט (מיר האט זיך געדאכט אז ער מאכט זיך אזוי) און די באבע האט איהם געדארפט אנזאגען:

— אליהו, זעהסט ניט אונזער גאסט אויף יום טוב?

דער זיידע האט אויפגעהויבען דיא אויגען, אנגעשטרענגט זיי, א לייכטען, קוים בעמערקבארען שמייכעל געטהאן, דערנאך אנגערוקט די ברעמען, צוגעגאנגען צו מיר און מיר קאלט דערלאנגט דיא האנד. ניט צוקושט זיך מיט מיר.

דעם זיידענס קאלטע אויפנאהמע האט מיך אביסעל איבעראשט און איך האב זיך גענומען פיהלען אין דער הויז וואו איך בין אויסגעוואקסען און מיין פריהע יוגענד פערבראכט, ווי א פרעמדער ווי אן אורח.

דער זיידע איז זיך אוועק אין קיך וואשען. די באבע איז איהם נאכגעגאנגען און איך האב געהערט ווי זי האט איהם וועגען עפעס געבעטען. דעם זיידען'ס קול האב איך ניט געהערט. אפנים דער זיידע האט געשוויגען.

מען האט געדארפט געהן אין סוכה קידוש מאכען. ווען די באבע האט שוין געהאט אלעס דערלאנגט און ווען דער זיידע איז שוין געווען גרייט, מיט'ן גראבען סדור אונטערען ארעם און מיט דעם וויין און בעכער אין דער האנד, ארויסצוגעהן אין סוכה, האט ער זיך געווענדעט צו מיר, ניט אויפהויבענדיג די אויגען:

— דו ווועסט — עס — זיצען אין הויז?....

דאס האט געזאלט זיין א בעליידיגונג פאר מיר, און איך האב געענטפערט:

— ניין, עס איז היינט אבענד אנגענעהם צו עסען אין סוכה!

מיר זיינען אריין אין סוכה. דער זיידע האט זיך גענומען גרייטען צום קידוש. טרויעריג האט דאס מאהל געקלונגען דעם זיידען'ס שטימע, ניט דאס וואס אמאהל.

ביים טיש האט דער זיידע צוערשט אויסגעמיעדען צו ריידען. נאר א פאאר טרוקענע פראגען און ניט מעהר. ער האט אפנים ניט געוואלט אנטהאן קיין עגמת נפש דער באבען. אבער איינמאהל ווען די באבע איז אריין אין הויז נאך א מאכל האט דער זיידע, פריהער עפעס פארדעכטיג ארומקוקענדיג זיך געווענדעט צו מיר:

— פארגעסען דעם זיידען? הא? האט ער אנשפארענדיג דעם קאפ אויף איין האנד געפרעגט און זיין שטימע האט געציטערט.

איך האב געענטפערט:

— ניין, דעם גוטען, ליעבען זיידען האב איך ניט פערגעסען — נאר —

— נאר וואס דען? האט דער זיידע א פרעג געטהאן.

(פארטזעצונג אויף פיידזש 6.)

"געמאכט אין קענעדע"

OUR BRANDS BOTTLED ONLY AT THE BREWERY
THE COSGRAVE BREWERY CO. OF TORONTO LIMITED
PALE ALE
HALF AND HALF
XXX PORTER

די איינציגע טשילל־פרוף ביערען

ריין ביער איז א נאטירליכער פליסיגער מאכל פאר מענשען, אויף אזוי פיעל ווי ער פראדוצירט פונקט גענוג צוגעגעבענע קראפט צו מאכען זיין ארבייט לייכטער און דארום מעהר אנגענעהם.

צופיעל אוער טויג ניט — איין פלעשעל איז גלייך, בנוגע שטארקייט, צו א האלבען לעבעל ברויט, און עס איז גאנץ גענוג פאר איין מאלצייט.

קאסגרייווס
מילד (טשילל־פרוף)
פייל אייל

— דאס אידעאלע ביער פאר דער היים

אזוי רייך אין קוואליטעט ווי רייך אין פריינד.

צו פערקויפען אין אלע האטעלען און הענדלער.

צענאפען אין די פלעשער בלויז אין דער ברועריע

שוין א האלבער יאהרהונדערט ווי דאס קאסגרייוו ליבעל האט בעדייטעט דאס בעסטע אין האפפען און אין מאלץ משקאות.

אויף מיין רייזע

— פון —

אב. גאלדבערג

איין שעהנעם פריהמארגען בין איך מיר אזוי געזעסען ביי מיין שרייב־טיש אין רעדאקציע מיט'ן פען אין האנד און צוגעגרייט שטאף פאר מיין צייטונג, איז צו מיר אונטערגעגאנגען דער מענעדזשער, ארויפגעלעגט זיין האנד אויף מיין אקסעל און א מאך געטהון:

— הער רעדאקטאר! שטער איך?...

האב אויסגעדרעהט דעם קאפ:

איהר גאר? ווי העפליך! וואס נייעס?

— עס זיינען אנגעקומען פיעלע איינלאדונגען פון פיעלע שטעט: מען וויל אייך הערען רעדען, זייט איהר גרייט צו פאהרען?

— הנני! האב איך דעם מענעדזשער געענטפערט און צוגעגעבען — די וועלט דרעהט זיך, אבער דאס בענקעל שטעהט אויף איין ארט. ווען מען זיצט אויף איין פלאץ ווערט מען פערראסטעט. עס וויל זיך א פאהר טהון. נייע פלעצער, נייע מענשען, נייע איינדריקע. איך פאהר. געוויס. פאהר איך.

דער מענעדזשער איז צוגעגאנגען צו דער שאפע, פון דארט ארויסגענומען א נאטיץ־ביכעל און מיר עס דערלאנגט מיט די ווערטער:

— עס וועט אייך צוניץ קומען. נייע ערטער נייע מענשען און נייע איינדריקען — זאלען מיר אויך הנאה האבען.

איך האב זיך בעדאנקט און פערשפראכען מיין רייזע צו בעשרייבען.

האב מיין פערשפרעכען געהאלטען. נאך יעדער גרויסער שטאט, וואס איך האב בעזוכט, האב איך מיינע איינדריקען איבער דער שטאדט אויף דעם פאפיער אנגעווארפען.

די נאכקומענדע ארטיקלען זיינען דער פועל יוצא פון מיין פערזוך.

.1

פילאדעלפיע.

די ,,שלעפערדיגע שטאדט" ווי מען רופט אין ענגליש פילאדעלפיע, איז היינט שוין מעהר ניט אזוי שלעפעריג ווי זי איז געווען. פילאדעלפיע שלאפט אמאהל אונטער, אין דעם איז זי אבער קיין אויסנאמע ניט. דאס טרעפט אויך מיט אנדערע שטעדט. עס איז א מין דורכגאנג, רחמנא לצלן. נעהמט א שטאדט און ווערט איינגעשלאפען פאר א שטיקעל צייט. שלאפט ביז זי כאפט זיך אויף און איז ווייטער טהעטיג און ווערט נאכאמאל איינשלאפע, ביז עפעס נייעס, אינטערעסאנטעס קומט פאר און די שטאדט כאפט זיך ווידער אויף, והחוזר חלילה.

מיט פילאדעלפיא טרעפט אויך דאס־זעלבע, אבער ניט מעהר. וואס איך מיין צו זאגען איז דאס, אז אויב פילאדעלפיא שלאפט אמאל אונטער, און אויב אפילו אמאל טרעפט, עס זאל זיך ניט טרעפען, אז זי כראפעט אויפ'ן קול, פערדינט זי דאך ניט אלץ דעם נאמען שלעפעריגע שטאדט, ווייל דאס ווארט שלעפעריג בעדייטעט, אז דער צושטאנד איז א כראנישער, אז זי האט אזא מין ארגאנישען חסרון, ניט פאר קיין שום אידישער קהלה געדאכט, און דאס איז ניט אמת. אויב דאס איז אפילו געווען ריכטיג אמאל, איז עס זיכער ניט מעהר היינט.

פילאדעלפיא איז איצט א גאנץ לעבעדיגע שטאדט. פילאדעלפיער קארס אויף וועלכע מען האט זיך געקלאגט אז זיי שלעפען זיך ווי אקסען, האבען אנגעהויבען זיך אונטעראיילען, לויפען שנעל, אהן אן אטהעם און עס איז מעהר ניט קיין נייעס, אז א קאנדוקטאר זאל דארט אויסשרייען ,,סטעפ לייוולי" טאקי גאר ווי אין דער צוטומעלטער ניו יארק.

פילאדעלפיא האט עפעס אפילו אזוינס וואס ניו יארק פערמאגט ניט: איך מיין די ,,דזשיטני" — א בעטש אז ניו־יארקער ווייסען גאר. מיט וואס מען עסט עס. יע, פילאדעלפיא געהט אין דעם פרט איבער ניו יארק.

וואס איז דאס דזשיטני? דזשיטני מיינט, אז אן ארימאן קען אויך האבען א געלעגענהייט פאהרען אויף אן אטאמאביל, ניט ווי ביז איצט וואס דער אטאמאביל איז געווען דער תענוג בלויז פון די רייכע, און פוסטעפאסניקעס, און ארימע האבען קיין הנאה דערפון ניט געקענט האבען, סיידען זיי האבען געהאט א לויה.

אין פילאדעלפיא קענט איהר איצט פאר א ניקעל פאהרען אויף אן אטאמאביל, אויסגעשטרעקט ווי א פריץ, אויב אייך גליקט אפ און איהר זייט דער איינציגער פארעגיין, אדער צוגויפגעדריקט אביסעל, ווען אנדערע קבצנים ווילען אויך הנאה האבען פון דעם תענוג.

אין פילאדעלפיא רעדט מען אויך מיט גרויס אפעטיט וועגען טשארלעס טשאפלין. טשארלעס טשאפלין איז דער געשפרעך פון טאג. יונגע ווייבלעך ווי אלטע אידענעס, אלרייטניקעס ווי ארבייטער און קינדער — אלע וואלטען ניט אוועקגעגעבען א זאך בארשט פאר דעם טייערען טשארלי וואס סבעווייזט אזעלכע ,,פאני טריקס" אויף דעם לייוואנד און אין גאנצען פאר א ניקעל.

אבי מען זאגט, אז עס איז ניטא קיין אייניגקייט ביי אידען. ס'איז געווענדעט וועגען וואס. ווען מ'דארף למשל אויף א אידישער ארבייטער קאנפערענץ פראטעסטירען קעגען די פאגראמען וואס די אסנע וועלמאזשנע'ס מאכען אויף אידען, דאן געפינען זיך אידישע סאציאליסטען, וואס כאטש אין אלע אנדערע ענינים האבען זיי ינט קיין געמיינשאפטליכעס מיט זייערע זיידעס, דאך אין דעם פרט פון מה־יפית זיינען זיי זייערע געטרייע אייניקלאך און זיינען גרייט צו בענוצען דעם גאנצען פארלאמענטארישען שלחן־ערוך מיט דעם חריפות פון שארפע גמרא קעפלעך, כאטש זיי קענען קוים א שייטעל עברי, אום נור ניט צו דערלאזען, אז מען זאל פראטעסטירען אויף דעם פערנאסענעם אידישען בלוט. און דער סוף איז אז עס לאזט זיך אויס מיט א שפאלטונג. אבער ארום טשארלי טשאפלין זייענען אלע פעראייניגט. נור איך האב זיך פערעדט אן א זייט.

וואס איך האב געוואלט זאגען איז דאס, אז פילאדעלפיא איז אין אלע פרטים עהנליך צו ניו יארק, פערשטעהט זיך, אז דא קומט אלץ פאר אויף א קלענערען מאסשטאב, אבער זי האלט נאך.

פילאדעלפיא פערמאגט איצט א אידישע צייטונגס נאס, כביכול, ווי די מפורסמ'דיגע נאס איסט בראדוויי. אלע ניו יארקער צייטונגען האבען אין יענער נאס זייערע ,,אפיסעס", אין וועלכע מען טהוט ביזנעס און מען טרייבט פאליטיק, פון וועלכער עס קומען ארוים אלערליי פאטשטען און וואו עס קאכען זיך אויס אלע שטאדטישע כלל־זאכען. פילאדעלפיא פערמאגט אויך אן איינענע טעגליכע צייטונג, וואו סהאט געהאלפען אריינברענגען פיעל לעבען אין שטאדט.

(פארטזעצונג אויף פיידזש 3.)

ה. יאנאווער — א. ראזענפעלד
פאן מיין 6886 — פאן קאלעדזש 5089
זיינען די
טאראנטא קאהל קאמפאני
91 פעננעס סטריט — פאן אפיס עדלייד 2029
פערקויפען. נור
Elias Rogers Co's Anthracite
יעדער לאט, קוילען אדער האלץ, ווערט דעליווערט מיט ראדזשעס טיקעטס. פיר קוואליטי און וואג גאראנטירט.

האט איהר שוין בעזוכט דעם נייעם
דיינינג רום אונד רעסטאוראנט
איז 192 ספאדיינא עוועניו, (ניער קווין)
עס איז פיר אייער אייגענעם בענעפיט
דאס שעהנסטע פלייז אין אקאמאדיישאן פיר ליידיס און דזשענטעלמען. גוטע געשמאקפולע כשר'ע שפייזען און גוטע בעהאנדלונג גאראנטירט.
גרינבלאט, 192 ספאדיינא עוועניו, (געגען איבער פהיבי סטריט)

פעדלערס און סטאר קיפערס
די בעסטע סגולה אנצוהאלטען קאסטימערס און צו מאכען געלד איז צו קויפען דריי־גודס, דיינקאוטס, פענסי גודס, דזשועלרי און נאוועלטיס ביי קאפלאן און קא.
האלסייל און דזשאבער 229 קווין סטריט וועסט טאראנטא, דער באוואוסטער האלסייל פלאטץ וואו פיעל פעדלער זענען בארייכט געווארען. דזשאב לאטס זענען שטענדיג דא. ארדערס פינקטליך אטענדעט.
קאפלאן און קא. דזשאבער 229 קווין סט. וו. טאראנטא אנט.
טעלאפאן עדלייד 3772.

אויטאמאבילס — אויטאמאבילס
חתונות, פיקניקס און פיונעראלס.
פייוסט קלעסס טורינג קארס, פאר 7 פאסאזשירען צו פערדינגען. $1.50 א שטונדע אדער ביים דזשאב. צופריעדענהייט גאראנטירט.
69 סענט פעטריק סטריט, מר. בלום טעלעפאן קאלעדזש 6998.

עסט פרישע עסען און לעבט לאנג
מיר קייטערען פאר באנקעטען, חתונות א. א. וו. מיר פערזארגען אויך דעם מאן מיט עסען ווען די פאמיליע איז אין קאנטרי.
עסט אין א ריינעם רעסטאראנט. אלעס שעהן, פריש, גוט געשמאק זויבער און — דוקא ביליג.
אבער'ס כשר רעסטאראנט
168 קווין סטריט וועסט, טעלעפאן עדלייד 1960

מ. העלער
176½ קווין סט. וועסט — טאראנטא
נייעס פאר אידען!
איין אידישע סטאר פאר אידען

מיר מאכען אלערליי דזשועלרי גלייך אויפ'ן פלאץ. חתונה רינגען געמאכט ווייל איהר ווארט. מיר פיקסען אלערליי דזשועלערי פאר דעם בילינגסטען פרייז.
14 קערעט חתונה רינגען 80 סענט א פעניוועיט. 18 קערעט חתונה רינגען $1.00 א פעני־וועיט.
וואטשעס געקלינט גוט און גאראנטירט, 40 סענט. מיין ספרינגס 40 סענט, הייר־ספרינג 40 סענט, דזשועלס 40 סענט, סטעפס 50 ס מיר מאכען אייערע אלטע דזשועלרי ווי ניי פיר א קליינעם פרייז. אלערליי ברילען ריכטיג געפאסט צו אייערע אויגען 98 סענט מיר גיבען אייך ראיעלע סחורה פאר דעם בילינגסטען פרייז.

וויכטיגע נייעס פאר אלע אידען פון דער וועסט ענד.
די בעסטע וויינען און ליקער
מיר זיינען אין דער רעכטער הארץ פון דער אידישער געגענד, 25 יאהר אין דיא ביזנעס און מיר האבען די בעסטע קענעדער און אימפארטירטע קאניאקען און ברענדיס צו די ביליגסטע פרייזען.
א ספעשעל דיסקאונט פאר חתונות, פארטיס און זא ווייטער.
מיר גאראנטירען פולע צופרידענהייט.
פערגעסט ניט אז דאס אלעס האט איהר
201 סענט פעטריק סטריט
א. פעטערסאן, פראפ. — טעלעפאן קאלעדזש 84

דעם זשורנאלס פאסט קאסטען

מיר קומען ענדליך נאך די פיעלע ביטעס פון אונזערע לעזער, וועלכע האבען פון אונז פערלאנגט, מיר זאלען איינפיהרען אן אבטהיילונג, וואו עס זאל געענטפערט ווערען אויף פערשיעדענע פראגען

ווערלען מיר אונטער'ן נאמען "דעם זשורנאלס פאסטקארטען" ענטפערען אויף פאלגענדע פראגען:

1) אידישע
2) אלגעמיינע
3) פראגען וועגען געזעץ, געענטפערט פון א בעקאנטען היגען לאיער.
4) מעדיצינישע אנפראגען, געענטפערט פון א פראמינענטען היגען אידישען דאקטאר.

אלע פראגען מוזען זיין געשריעבען ריין און דייטליך און אויף איין זייט פאפיער.

שפארט געלד אין די שלעכטע צייטען!

זייט ניט פערזארגט, און פערטרייבט אייער טרויער!

איהר קענט קיין ערפאלג ניט מאכען אין לעבען, ווען איהר זייט ניט אנשטענדיג געקליידעט.
זעהט אז אייערע קליידער זאלען זיין אין גוטער ארדנונג, און איהר וועט מאכען ערפאלג אין לעבען.
זאגט ניט, אז עס איז צו טהייער פאר אייך.

מיר ווייסען, אז עס זענען שלעכטע צייטען, און מיר האבען דארום בעשלאסען צו געבען אייך א מעגליכקייט צו פערשאפען זיך גוטע קליידער פאר א ביליגען פרייז.

$16.00

אונזער סטאר איז תמיד פערזארגט מיט א גרויסען סטאק פון פערשיעדענע וואארעס און פאר דעם קליינעם פרייז פון — קענט איהר זיך ארדערען א סוט אדער אווערקאוט.

איהר דארפט זיך בלויז לאזען נעהמען א מאאס און מיר גאראנטירען שוין פאר'ן איבעריגען.
אלע קענען זיך אדווערטייזען, אלע קענען פערשפרעכען, "צופריעדענשטעלען" אבער קענען ניט אלע.
מיר קענען דאס!
אלס עדות זיינען די צאהלרייכע קאסטימער אונזערע.
פרעגט זיי!
קיינער האט זיי אזוי ניט צופריעדענגעשטעלט ווי מיר. טהוט ווי זיי.
איהר וועט קיין חרטה ניט האבען.

די עקסעללענט טיילארינג קא., 256½ קווין וועסט

The Excellent Tailoring Co.
256½ QUEEN ST. WEST

קיין שארפע געטראנקע פאר סאלדאטען

קאירנעל לאגי דער קאמענדאנט פון די ניאגרא קעמפס האט נעכטען נאכמיטאג געהאט א לענגערע קאנפערענץ מיט דעם טשערמאן פון די אנטאריא לייסענס באארד וועגען דעם וואס די סאלון־קיפערס פערקויפען שטארקע געטרענקע צו סאלדאטען.

ווי עס ווייזט אויס האט דער קאירנעל אנגעגעבען אזעלכע שטארקע ארגומענטען נעגען דעם פערקויף, אז דער טשערמאן פון דער לייסענס באארד האט גלייך געפונען פאר נויטיג צו ריידען וועגען דעם מיט'ן פרעמיער הוירסט.

צוויי שטונדען האט דער לייסענס קאמישאנער פערבראכט מיט'ן פרעמיער, אבער וואס זיי האבען בעשלאסען איז נאך ניט בעוואוסט. אבער ווי ווייט מען ווייס יא, האט דער קאירנעל געבעטען, אז עס זאל געטהאן ווערען איינס פון די צוויי, אדער גאר ניט פערקויפען קיין שטארקע געטרענקע צו קיין סאלדאטען, אדער די סאלונען זאלען זיך פערמאכען אין אזא צייט, די סאלדאטען זאלען קיין געלעגענהייט ניט האבען צו קויפען.

נעהמט וואו אלע נעהמען.

אלע שניידער און פעדלער קויפען זייערע וואולענס און טרימינגס פאר סוטס און אווערקאוטס ביי

ליובינסקי

די בעסטע וואולענס פון גרעסטע און בעסטע ענגלישע און קאנאדישע וואולען מיללס.

פאר וואס ניט איהר? אונזער נאמען איז א גאראנטי פאר קוואליטעט און ראיעלע בעהאנדלונג.

J. LUBINSKY, 248 Simcoe Street, Toronto.
TELEPHONE MAIN 6464

בני ציון ✡ אססאשיאיישאן

א מיטינג וועט שטאטפינדען זונטאג אקטאבער דעם 3־טען אום 8 אוהר אבענד שארפ, אין ציון האל, 206 בעווערלי סטריט

רב גארדאן און רבי בלום (פון האמילטאן.)

וועלען אדרעסירען די פערזאמלונג

חזן מאנאוויץ

וועט מיטווירקען. אויך אנדערע קרעפטען וועלען אנטהייל נעהמען.
אלע זיינען געבעטען צו אטענדען דיעזען מיטינג.
איינטריט פריי. קיינע קאלעקשאנס

וויכטיג פיר גראסערס!

אזוי ווי מיין ביזנעס האט זיך פערגרעסערט, בין איך געווען געצוואונגען צו מופען מיין האלסייל גראסערי וועראהויז פון 250 ספעדיינא עוו. אין א גרעסערען און בעקוועמערען פלאץ אין

406 קווין סט. וועסט
קארנער קעמבראן סטריט

וואו איך האף צופריעדענצושטעלען מיינע קאסטימערס אין דער צוקונפט אזוי ווי אין דער פערגאנגענהייט.

S. P. WILSON
406 Queen St. W.

ענגלאנד רופט צוריק איהרע אפיצערען

לאנדאן, סעפט. 28.

אלע אפיצערען פון דער ענגלישער ארמיי וועלכע האבען בעקומען אורלויב, זענען צוריקגערופען געווארען און זיי דארפען זיך וואס שנעלער אומקעהרען צו זייערע פלעצער.

דער געהילפס סעקרעטער פון קריעגס אפיס האט היינט פערעפענטליכט אין דער האוז אף קאמאנס, אז מעהר קיין אורלויב וועט ניט געגעבען ווערען צו קיין אפיצערען פאר דער יעצטיגער צייט.

* * *

חזן קאפלאנ'ס שיפס קאנטאר

איז דער פלאץ וואו איהר קענט שיקען געלד נאך אלע טהיילען פון דער וועלט, שנעל און זיכער צום לעצטען טאגעס קורס

אלע סארטען אינשורענס, פייער, לייף, עקסידענט, בארגלערי, פלייט־גלאז און סיק בענעפיטס קענט איהר אינשורען אין מיין אפיס. איך רעפרעזענטיר די שטארקסטע און ראיעלסטע קאמפאניעס אין יונייטעד סטייטס און קענעדע. מיין נאמען און רעפוטיישאן פאר די לעצטע צוואנציג יאהר פארזיכערט אייך, אז איהר וועט אין מיין אפיס ראיעל און אנשטענדיג בעהאנדעלט ווערען.

רעוו. מ. קאפלאן

297 קווין סט. וועסט, קארנער דזשאהן סטריט. טעל. אדעלייד 239.
הויז טעל. אדעלייד 1545

פאר די מלחמה ליידענדע

די קאנגרעגיישאן בית ישראל אנשי מינסק האט געקאלעקטעט דערווייל פון די מלחמה קרבנות 100 דאלאר 98 ס. און מיר בעדאנקען חזן קאפלאן פאר זיין אויפמערקזאם מאכען דעם עולם דערפאר און מיר ווינשען דעם חזן קאפלאן מיט דעם גאנצען עלם האבען איין חתימה טובה

געזאמעלט פאר די מלחמה קרבנות ביי די חברה בית ישראל אנשי מינסק 10 סיינט ענדרו דיעזען יום כפור.

יודל גאלד	$1.00
מאיר גאלד	1.00
הערי גאלד	2.00
שלמה פרידמאן	1.00
ישעיה זעלדין	1.00
מר. און מרס. פנלק	1.25
ליפע שלוצקי	1.00
יעקב משה	1.00
מרדכי קאזאקאוו	1.00
זיפל עטקין	50 סענט
מרדכי שלאוניק	50 סענט
היימי גרינבערג	59 סענט
גיטל דבורה זעלדין	50 סענט
זלמן זעלדין	50 סענט
משה מייר זעלדין	50 סענט
ליפע זאלעזנאק	75 סענט
הישיע גאלד	[illegible]
משה פאגין	[illegible]
בעריל קורצער	50 סענט
עלקע הערצאג	25 סענט
מרס. וואלקין	25 סענט
מרס. זייער	25 סענט
אהרן ראזענבערג	25 סענט
אהרן קאפלאן	25 סענט
הערי ראם	50 סענט
בית ישראל אנשי מינסק	$4.64
צבי קריפיוועקער	1.00
רבקא ראם	1.00
איק גאלדשטיין	1.00
יעקב משה עטלין	1.00
היימי גרינבערג	50 סענט
משה זאמסקי	50 סענט
פסח שניידערמאן	25 סענט
עלקע בלונערמאן	30 סענט
הושיע וויטקין	$4.00
הערי און מרס. טאויב	1.00
יצחק שלאסער	50 סענט
לייב שלאסער	25 סענט
לייב שלאסער	50 סענט
אהרן קאלב	50 סענט
חיים קאהן	50 סענט
עני בארענשטיין	25 סענט
מרס. העלמאן	15 סענט
היימי גודמאן	50 סענט
ישראל מרמר	$1.00
הערצאג	50 סענט
דוד חייקין	50 סענט
יצחק גראסמאן	50 סענט
ריבקא פלאטים	50 סענט
סעם פרידמאן	50 סענט
חייע צירעל	25 סענט
לייב פלאטקין	$1.00
הערי פרידמאן	1.00
יהודא פרידמאן	50 סענט
פרנים קלארמאן	50 סענט
ישראל צבי רעזניק	50 סענט
משה חיים שאפירא	$1.00
אייב גרינבערג	50 סענט
היימי פיסער	50 סענט
מרס. שטיינבערג	50 סענט
עלי מאדארסקי	50 סענט
אייבראם שער	$1.00
עליק וויניק	50 סענט
חיים וויסבערג	$1.00
אסתר גאלד	50 סענט
לייב פרידמאן	50 סענט
אייב פרידמאן	1.00
אייבראם גראסמאן	1.00
עני גראסמאן	1.00
יעקב ראזענגרג	50 סענט
משה הימעלשטיין	50 סענט
שאני מאיערס	50 סענט
לייב שאקטער	75 סענט
מרס. קאליק	50 סענט
חיים גלוסקין	1.00
ניסל קאזניק	25 סענט
צבי קאזאצקאוו	50 סענט
שלמה שווארץ	50 סענט
מיכל קאבעלאוו	$1.00
משה ראזענבערג	50 סענט
מענדעל גידעלמאן	50 סענט
מרס. קאטלער	25 סענט
אייב לעווין	$1.50
היימי אלפערט	$5.00
יחיאל איינגלענדער	50 סענט
מאקס שמיט	$5.00
אייזיק אקשימעטניק	2.50
ב. קעלער	50 סענט
טשארלים וואלף	$1.00
יעקב קראפיווקא	25 סענט
מלכה פלייסמאן	25 סענט
איסר גאלד	50 סענט
אסתר סינלער	50 סענט
ניסל שערמאן	$1.00
אלטער וויין	1.00
יונה בארקאוויק	50 סענט
הענע סיווע גאלדמאן	25 סענט
מרדכי שינקמאן	50 סענט

דיוויד גאלד	50 סענט
מאריס איטאנס	$1.00
יעקב שאטענבערג	50 סענט
שרה שערמאן	25 סענט
משה יאגטעל	$1.00
טיסקאף	25 סענט
לייב פערלאוו	$1.00
משה מינסקי	50 סענט
שלמה פרנס	50 סענט
גראסמאן	$1.00
נעיע פרידמאן	50 סענט
הושיע ראזענפעלד	50 סענט
עלקין	$1.00
מאריס העלקי	50 סענט
אייבי קאוואלסקי	$1.00
נח בענשאן	$1.00
הינדע גינצבורג	25 סענט
יודעל שטיין	75 סענט
שאלאמאנסקי	$1.00
מרס. נעלב	1.00
מרס. גינצבורג	25 ס.
יודל לאבאווסקי	50 סענט
דזייק האלטער פיטצרא	50 סענט
קיווע קאפלאן	$1.00
אהרן דוד שניטמאן	$1.00
שרה האמבורג	25 סענט
הושיע גאלד	25 סענט
ה. שיקקין	$1.00
אידע געלער	50 סענט
טעמע הערמאן	50 סענט
גיטל מאגעלאוולסקי	50 סענט
פייגע פעסיו	30 סענט
וויל שטאר	25 סענט
חייקע ראזענבערג	25 סענט
אייזיק עטלין	50 סענט
סך הכל	$1000.98

אלה שמות האנשים עבור מלחמה קרבנות דוהכנ"ס שומרי שבת טשעסנאט סטריט

נדבה־קעש מאנאטליך

הערץ גרייזמאן	$10.00
יצחק הויזער	5.00
קלינג בראר.	10.00
מלך נויזבאם	10.00
שטיינווארצעל	5.00
הערש בירענבוים	5.00
מלך גרייזמאן	1.00
אלישה בירענבוים	2.00
משה בראדיע	2.00
יעקב זאגער	2.00
שמואל זאנוויל קארן	2.00
נח באכנער	2.00
יעקב ספרינג	2.00
יצחק קויפמאן	1.00
משה קירשענבוים	2.00
דוד ציפער	2.00
מאניע שאפירא	1.00
הערש ליב סקאפ	1.00
יהושע גרינבוים	2.00
הערליך	1.00
יונתן גאלדשטיין	1.00
משה האכמאן	2.00
חיים פינגערהאט	1.00
משה קעליץ	1.00
בינימין טאנענהאפט	1.00
חיים וויסבלום	1.00
ישראל שפינעל	1.00
יחיאל ניימאן	5.00
שמואל.קירשענבוים	50 סענט
שמואל קירשענבוים	50 סענט
בעריל קרינעל	50 סענט
קליינמאן	50 סענט
יהודא פענעכעל	1.00
שמעון לאקעטש	50 סענט
חיים ווינן	2.00
יחיאל דזשיימס	2.00
יעקב שווארץ	2.00
משה הויזער	1.00
זעליג בראדיע	2.00
וואסערמאן	2.00
מענדיל שווארץ	1.00
לייזער בינדער	1.00
הערש שנאהל	1.00
ישראל שלומה שאפירא	1.00
בעניע טעפערמאן	1.00
מאטעס קרענעל	50 סענט
גאנינפעלד	50 סענט
אברהם שווארץ	50 סענט
שלום סאהפער	50 סענט
יצחק פרייבערג	50 סענט
יעקב צוקערמאן	50 סענט
שלומה לייב גינזבערג	50 סענט
שלומה שאפראוויץ	50 סענט
מאיר דוד הארעוויץ	50 סענט
יואל הלוי	50 סענט
פייוועל מאנהאווער	50 סענט
חיים שמואל הלוי	25 סענט
בעריל קאהן	25 סענט
וויינגארען	25 סענט
הערש דוד שפייזמאן	25 סענט
ישייע בעטמאן	25 סענט
חיים שמואל הלוי	$2.50
הירש ענץ נדר	5 2סענט
ס"ה	$110.00

דאס געלד איז איבערגעגעבען געווארען צום זשורנאל דורך מר. ל. בירענבוים פרעז. און מר. י. בראדי, טראסטי, א הענליכע סומע האבען זיי פערשפראכען אריינצושיקען יעדען מאנאט.

שמחת־תורה

פרעהליך פרעהליך קינדער,
ס'איז דאך שמחת־תורה,
טאנצט האפקעס זינגט ליעדער
העל צינדט אן די מנורה.

העכער הייבט אויף די פאהן,
זינגט אלץ שטארקער, פרייער;
העלער צינדט ס'ליכטעל אן,
שטארקער מאכט דאס פייער.

ווען דער גרויסער פלאקער
פונקען טהוט פערמעהרען — — —
זאל העלער מאכען ער
ליכטיג נאר זאל ווערען . . .

ל. ראזענבערג.

א בריעף פון א געפאנגענעם אידען אין "זשורנאל"

אין אפיס פון "אידישען זשורנאל", געפינט זיך א בריעף געשריעבען פון א אידישען סאלדאט וועלכער געפינט זיך אין דייטשלאנד אלס געפאנגענער.

דער בריעף איז אדרעסירט צו אהרן מילער פון 345 מענינג עוועניו, א אנקעל פון דעם געפאנגענעם.

דער אנקעל איז ערזוכט צו קומען נאך'ם בריעף.

פאר די מלחמה קרבנות.
נעטהען גלאססמאן $1.00.

אריינגעבראכט אין רעדאקציע דורך יצחק מאכטינגער פון דעם קאנגרעגיישאן אנשי דרילטש "לינת הצדק) פאר דעם מלחמה קאנפערענץ, $4.24.

ערהאלטען פון ל. וואלמאן 216 מיידזשאר סט. $3.00 פאר די מלחמה ליידענדע.

אריינגעבראכט דורך יצחק מאכטינגער אין רעדאקציע פון „אידישען זשורנאל" פון קאנגרעגיישאן אנשי דרילטש לינת הצדק פאר פאלקס פעראיין $1,14.

אריינגעבראכט אין רעדאקציע פון „אידישען זשורנאל" דורך יצחק מאכטינגער פון די קאנגרעגיישאן אנשי דרילטש לינת הצדק פאר די צדקה כללית $1,07.

אריינגעבראכט אין רעדאקציע פון „אידישע זשורנאל" דורך יצחק מאכטינ־ לינת הצדק פאר די תלמוד תורה $1.07. גער פון די קאנגרעגיישאן אנשי דרילטש

פון קאקריין, אנט. שרייבט אונז מר. קערצער.

עס פרעהט מיך צו שיקען אייך א טשעק אויף 119.25 וועלכעס איך האב קאלעקטעד פיר די מלחמה ליידענדע אידען. ביטע איבערצוגעבען עס צום ריכטיגען פלאץ:

פאלגענדע פערזאנען האבען בייגעשטייערט:

מ. ראטשילד	$20.00
ד. קערצער	10.00
קערצער אונד האכמאן	10.00
פערקוסקאפ	10.00
טש. בערענשטיין	10.00
י. רייז	10.00
מ. סילווערסטאן	10.00
מאקס הענרי	10.00
ל. קערט	5.00
מ. לעווין	5.00
י. לייבאוויטש	5.00
ב. ראטשילד	5.00
מ. בערענשטיין	2.00
א. נאטאנזאהו	1.00
י גרין	1.00
ס. קרייטש	1.00
י. קרייטש	1.00
מ. גאלדשטיין	1.00
י. פערלמוטער	1.00
מ. מאלין	1.00
הערי קערצער	25 סענט
טאטאל	$119.25

אכטונגספאל ד. קערצער.

פאר די מלחמה ליידענדע האט אונז צוגעשיקט דז. פערקוס פון קאקריין פער מאנאטליך דאנעישאן:

מיסעס פערקאס	50 סענט
" פרילאנד	50 סענט
" קאשניר	50 סענט
טאטאל	$1.50
כפרות און יזכור געלד	
י. קאשניר פאמיליע	$1.50
מ. בריליאנד פאמיליע	1.50
מיסעס פערקאס	50 סענט
טאטאל	$5.00

(פארטזעצונג פון פיידזש 5.)

איך שווייג, און דער זיידע פרעגט שוין אומיסטען:

— ניט געבענקט גאר נאך אידישקייט, נאך א אידישער סביבה, נאך א אידישען יום טוב?

— ניין!...

— וואס הייסט? האסט חלילה אויפגעהערט צו זיין א איד?

מיר איז שווער צו ענטפערען.

— זאג, האסט זיך ניט וואס צו שעהמען...

און דעם זיידענס שטים איז הארט.

— איך בין א מענש, ניט קיין איד.

— וואס הייסט דאס א "מענש"?

האט אין זיידענס שטים א קלונג געטהאן א חוזק טאן.

דאס הייסט: ניט קיין איד, ניט קיין קריסט — א מענש...

— איך פערשטעה ניט, נו און א גאט, אמונה? האט דער זיידע שטיל דערשראקען געפרעגט ארומקוקענדיג זיך, צו שטעהט ניט אימיצער אונטער דער סוכה און הערט זיך אונטער.

— אמונה אפשר יא, האב איך אויך עטוואס שטילער געענטפערט: אבער ניט דיין אמונה...

— ווי קען זיין אמונה, אז ניט קיין איד און ניט להבדיל קיין קריסט, האט דער זיידע שטרענג געפארשט האפענדיג מיך אריינצוכאפען אין א נעץ.

עס קען זיין— דו וועסט ניט פערשטעהן —

אויף טשיקאווס?

— מיר פיעלע פון דעם היינטיגען דור, האבען איין גרויסע אמונה, וואס, מיר האפען, וועט ארומכאפען די גאנצע וועלט. דאס איז — פרייהייט.

מיין קול האט געקלונגען פייערליך, דער זיידע האט מיך אנגעקוקט מיט א בטול שמייכעלע אויף די ליפען און צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ, דערמיט אויסדריקענדיג זיין רחמנות אויף מיר.

מיך האט אנגעהויבען צו פערדריסען. איך האב נאך אליין געזעהען פאר זיך דעם אלטען קנאי, וואס אנערקענט מיך ניט, נעהמט מיך ניט אן פאר קיין געגנער און איך האב זיך אבגערופען מיט א וואכעדיג קול:

— איבערמארגען פאהר איך אוועק פון דאנען, איך וויל דיר בעטען זיידע, זאלסט מיט מיר ניט רעדען מעהר וועגען אזעלכע ענינים.

א כמארע האט בארעקט דעם אלטען'ס פנים. עס האבען זיך אבער דערהערט דער באבעס טריט. דער זיידע האט גלייך, ווי ערשט וואס האט גאר ניט פאסירט צווישען אונז ביים טיש, גענומען אונטערברומען א נגון. ווען די באבע איז אריין אין סוכה און אוועקשטעלענדיג אויף'ן טיש, וואס איז געווען געמאכט פון פיער קלעצער, איבערגעדעקט מיט א לאקשען ברעט עם זיידענס אייגענע מלאכה, דאס מאכל גענומען אויסטהיילען פריהער מיר און דעם זיידען, די מאנסבילען, און זי האט א בליק געווארפען אויף אונז ביידע, האט זי בעמערקט אז עפעס איז געווען צווישען אונז. אבער ניט דער זיידע, ניט איך האבען זיך ארויסגעגעבען. שוין צופיעל צער האט ארויסגעקוקט פון דער באבעס אויגען און נאר אן אכזר וואלט געקענט פערשטערען דעם יום טוב.

די צוויי טעג יום טוב האב איך פערבראכט מיט דער באבען. דער זיידע האט מך איגנארירט. איך האב קוים דערלעבט מוצאי יום טוב און אויף גיך געזעגענענדיג זיך מיט די אלטע לייט בין איך צוריק אוועק אין דער גרויסער וועלט קעמפפען פאר פרייהייט און מעהר האב איך זיך ניט צוריקגעקעהרט אין מיין שטעדטעל.

אין מיטען ווינטער, נאך יענעם סוכות האב איך זיך דערוואוסט פון א פרעמדען, או די באבע איז געשטארבען. דער זיידע דער אלטער עקשן, האט ניט געפונען פאר נויטיג מיר מודיע צו זיין נאך יענעם שמועס, וואס מיר האבען געהאט אין סוכה: ער האט געוואוסט אז איך וועל קיין קדיש ניט זאגען נאך איהר.

ל. שפיטאלניק

MEET ME AT THE FIRESIDE **Strand** YONGE NEAR KING
CONTINUOUS 10 AM TO 11 PM. MATS 5¢-10¢ EVES 5¢ 10¢ 15¢

דאנערשטאג, פרייטאג, שבת
"ווי ווייערלעס"
פיטשורינג קעיל קיין און ברוס מאקרעי
4־טע נאכפאלג פון די
"געטטין"
און אויסערגעוועהנליכע קאמעדי
און פאטהי מלחמה נייעס
מעזאנייני סיטס רעזערווירט ביי טעלעפאן מיין 3345

ROYAL ALEXANDRA
ראיאל אלעקסאנדער טהעאטער
יעצט געשפיעלט—צוויי מאל א טאג צו פולע הייזער.
ד. וו. גריפיט'ס וואונדערבארסטע און סוקסעספולע פראדוקשיאן
דאס
געבורטה פון א נאציאן
THE BIRTH OF A NATION
2טע וואכע אנפאנגענדיג מאנטאג **סעפ. 27,**
אבענד פרייזעס: 50ס. 1.00 $1.50
מאטינעע 50ס. 75ס. $1.00

אויפמערקזאם
ליידים - טיילארס

דיא וויכטיגסטע זאך אין אייערע ביזנעס איז צו מאכען גארטענטס מיט א פוירפעקט פיט. — כדי דאס צו טהאן מוזט איהר האבען פאלקאמענע פארמס. די

דייל בראנד

געמאכט צו פאסען קאנאדיען פרויען פאר דעם קאנאדיען מאניופעקטשורער איז דער פארם וואס דארפט.

- DALE -
WAX FIGURE Co. Limited
106 FRONT STREET East
טעלעפאנס:
מעין — — — 3023
דזשאנקשאן — 1923

דיימאנדס
$1 $2 $3
וועכענטליך־

איהר האט יעצט די געלעגענהייט צו האבען דעם פיינסטען דיימאנד אדער אנדערע דזשועלרי דורך דאס טרעדיט סיסטעם פון דזשייקאב בראדער. דיימאנדס ווי עס איז בעוואוסט ווערט אלע מאל טייערער און עס איז אן אייביגהייט.

מיר געטרויען יעדען עהרליכען מענשען וואס איהר האט די געלעגענהייט צו קויפען ביי אונזערע דיימאנדס מיט די לייכטסטע אבצאהלונגען. ספעשעל דיסקוינט 10 פראצענט פאר קעש. דזשייקאב בראדערס 15 יאנג סטריט ארקייד.

אויפמערקזאם

בשר כשר

אזוי ווי אונזערע ביזנעס פערגרעסערען זיך יעדען טאג האבען מיר געפונען פאר נויטיג צו עפנען נאך איין בוטשער שאפ

אין 80 עליזאבעטה סטריט

וואו מיר פערקויפען רינדערנע, קעלבערנע און שעפסענע פלייש 8 סענט א פונט.

יעדען טאג פריש געשאכטען ברוסט און סטייק, 14 סענט א פונט. קעלבערנע צאפס און לעם צאפס 12 סענט א פונט.

בארענשטיין און וויינראט
אונד 134 עליזאבעט סט.
די זעלבע פרייזעס

חזן מאנאוויטש
פון מעקאל שוהל
מוהל
ומסדר קדושין
233 Beverley Street
Tel. College 2033

וויכטיגע בעקאנטמאכונג

איך נעהם זיך די עהרע בעקאנט צו מאכען מיינע פיעלע פריינד און קאסטמער דאס איך, ג. ספרינג, וועלכער איז בעוואוסט פאר די לעצטע 15 יאהר צו די טאראנטאר אידען, האב אויסגעקויפט די דראג סטאר אויף קארנער ספידיינא און סט. פעטריק סטריט.

האפענדיג דאס איהר וועט מיר פאטראנייזען אין דער צוקונפט, פערבלייב איך אייער ערגעבענסטער

ג. ספרינג, חעמיסט און דראגיסט.
טעלעפאן קאלעדזש 405
3659—9—27

נאטים!

סטודענטען וועלכע ווינשען צו קוואליפיצירען פיר ביזנעס אפוינטמענטס אלס סטענאגראפערס, בוכקיפערס און אפיס אססיסטאנטס קענען יעצט אנפאנגען א העכסטע־גראד קורס צו שטודירען, סיי וועלכען טאג און יעדע איינע פון שאו'ס ביזנעס שוהלע טאראנטא.

אלע אינפארמאציאנען און איינצעלהייטען ביי אפליקיישאן צום הויפט אפיס:

יאנג און דזשעראד סטריטס
וו. ה. שאו, פרעזידענט.

Shaw's Business College
Yonge & Gerrard Sts. TORONTO